ש[illegible]לעך אין פייער פון דורות

דער מאַרטיראָלאָגיע פון די יודישע הייליגטימ[illegible]



פאָלקס-ביבליאָטעק „יבנה"
„האהלה"

שוהלען אין פײער פון דורות

צו דער מאַרטיראָלאָגיע פון די יורישע הייליגטימער

רעדאַגירט דורך

יהודה יפת

פאלקס-ביבליאטעק „יבנה"

ווארשא 1939

Printed in Poland

SYNAGOGI w OGNIU WIEKÓW

Wydawn. „HAOHELA", Warszawa
Rymarska 6. P.K.O. „Haoela" 18.769

Druk. „B I U R O W A" Warszawa
Telefon 3.03-30.



Synagoga w płomieniach
w Berlinie

אַ ברענענדיגע שוהל
אין בערלין

פערבּרענטע ספר־תּורה׳ס

(לויט מהר״ם מראָטענבּורג׳ס „שאלי שרופה באש״)

ספר־תורה פערבּרענטע, פרעג װאָס זײַ מאַכען,
די אבלים פון דײַנע אַשיקע שליאַכען — — —
װאָס זײַ האָט װײטאָג אויפגעריסען די װיהעס
און דערשטוינונג — בײַם פלאַקער פון דײַנע יריעות.
װאָס בּענקען און קלערען, צי גאָט װעט בּעשערען,
אַז פאַר זײַ און פאַר דיר זאָל ליכטיג נאָך װערען,
װאָס שטרעבּען און װאָגלען און זוכען אַן׳עצה
און װאַלגערען אויף דר׳ערד זיך — פרעג װי עס געהט זײַ?
און דער מענש, װאָס זײַן האַרץ צעבּרעכט זיך אויף צװײען
װען ער קרעכצט אין זײַן ליעד דײַנע שרעקליכע װײען
און איז פינסטער װי קראָהען און ער קלאָגט װי שאַקאַלען
צוליעבּ׳ן אומגליק, װאָס איז אויף דײַן גורל געפאַלען?
תורה, דו פײַער אויף פײַער געשריבּען —
איז מעגליך, אַז דו האָסט אויף אַש זיך צעריבּען
װען ערדישער פײַער האָט דײַן פאַרמעט צעגליהט
און די האַנד פון דעם פײַנד האָט זיך נישט אָבּגעבּריהט?

אָ, „איידעלע“ ביז וואַנען וועט איהר וואוילטאָג געניסען
און אונזערע בלומען צווישען דערנער פערשליסען?
זאָגט, צי וועט לאַנג נאָך זיין ווי אַצינדער·
אַז איהר זעצט זיך מיט גאווה און משפט גאָט׳ס קינדער,
און וואַרפט אייביגע געזעצען אין פייער אַריין?
געבענשט ווער עס וועט אין אייך נוקם זיך זיין!
צי דערפאַר ביסטו, תורה, אין בליצען געגעבען,
אַז זיך אויסרויכען זאָל אויף שייטערס דיין לעבען?
צי דעריבער האָט, סיני, דיך גאָט אָנגעטראָפען
אויפ׳ן וועג ווען ער איז פון די גרויס=בערג אַנטלאָפען,
אַ צייכען זאָל זיין, אַז נאָך צייטען און צייטען
וועט, ווי אַ מענש וואָס ווערט אַלט, דיין וואוקס זיך בייטען,
וועסט נידריג זיין, קליין, איינגעבויגען·
סאַראַ פיינליכער משל עס פאַלט אין די אויגען: —
ביים געבורט פון זיין זוהן מאַכט אַ קעניג אַ באַל;
ליכט לייכט אין אויגען, פרייד טאַנצט אין זאַל,
ווער עס זינגט, ווער עס טרינקט, נאָר דער קעניג אַליין
זיצט, שווייגט און שווייגט און לאָזט אַרויס אַ געוויין:
קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס, קיינער ווייסט נישט פאַר ווען,
אַז זיין זוהן וועט שטאַרבען, האָט נאָר דער קעניג געזעהן···

דו סיני, אלמנה, בעווין דיינע טעג
דיין מאַן איז אַוועק, טהו אָן זיך אין זעק!
און איך וועל גיסען מיט טרעהרען׳ אַ טייך זאָלען זיי ווערען,
דער טייך זאָל זיך ציהען ביז דיינע צוויי הערען —
משה און אהרן — און ביי זייערע קברים
פרעגען אַ שאלה: איהר הייליגע ש־ים,
האָט מען איבערגעגעבען אין אייערע הענד
א תורה אַ נייע׳ וואָס מ׳האָט די אַלטע פערברענט?
אין חדש דריי די תורה געשאָנקען, אין חדש פיר
דאָס קרויניש, גאונישע פערניכטעט אין איהר.
איינמאָל די לוחות צעהאַקט, אַ צווייט מאָל צעמאָלט
דעם דת און פערשרפה׳ט, האָט מען כפל בעצאָהלט?
כ׳פערשטעה נישט ווי אַ ביסען קען שמעקען מיין גומען
נאָך מיין זעהן דיין פערמעגען צוזאמענגענומען
ווי אין אַ עיר־הנדחת אויפ׳ן מיטען דעם וועג
און שמוציגע האַנד האָט פערברענט גאָט׳ס פערמעג׳
איך קאָן נישט געפינען דיין טיר און דיין טויער,
פאַרשאָטענע זענען דיינע סטעזשקעס מיט טרויער.
נישט האָניג, אַ טרער אין געטראַנק איז מיר זיס,
קייט פון דיינע קייטען איז מיר גוט צו די פיס.

מיין אויג וויל שעפּען געוויינען וואָס מעהר
פון אומעטום וואו פאַר דיר לאָזט אימיצער אַ טרעהר.
נאָר זיי טרוקענען באַלד אויף מיין באַק ווען זיי פאַלען,
בעוויילן מיין רחמנות איז: הייס=הייסע קוואַלען,
מיין ברענענדער צער אויף דיין מאַן דעם גרויסען
וואָס קריכט און שלענדערט און וואָגעלט אין דרויסען.
האָט ער גענומען זיין פּעקעל און אַוועק ערגעץ ווייט,
און דיינע שאָטענס לויפען איהם נאָך ביי דער זייט.
און איך אָהן אייך בין עלענד געבליבען,
איינזאַם ווי אַ זעגעל אויף אַ באַרג=שפּיץ פאַרטריבען.
נישט צו הערען איז מעהר קיין קולות פון פרייד,
געפּלאַצט איז די פידעל, די פויק און די פלייט.
כ׳וועל מיך איינהילען אין זעק און קלאָגענדיג ליגען
ווי זאַמד ביי דעם ברעג זענען דיינע הרוגים.
כ׳פערשטעה נישט ווי אַזוי די זון וואַרימט און שטראַהלט
פאַר אַלע און מיר איז זי טונקעל און קאַלט.
צו גאָט דיין פריינד ביטער שריי אויף דיין בראָך,
אפשר וועט ער זיך דערמאָהנען אייער גאָלדענע וואָך.
נעם שנייד און נייהה אויף דיר בגדים פון זעק,
צולייבן פייער, וואָס געהט און פרעסט אויף דיינע טעג.

נאָר אַזוי לאַנג ווי דיין פיין אַזוי גרויס וועט השם
פון די שבטים ישורון אויפשטעלען אַ היים.
גאָלד־בעצירט וועט דיין האַנד, זונענגלאַנק אין דיין אויג
און אין טאַנץ וועסטו געהן צום טאַקט פון דער פויק.
שטאָלץ וועט מיין האַרץ זיין, אַז דיר ליכטיג וועט ווערען,
פרעהליך וועלען זיצען אין דיינע נעכט גרויסע שטערען.

דער בית־המקדש, געבויט דורך הורדוס המלך



Świątynia wybudowana przez Króla Herodota

דעק טיטוס-טויער אין רוים, וואָס שטעלט פאָר ווי די רוימער ברענגען צו-
שלעפּען די צוגערויבטע כלים פון בית-המקדש.

Brama tryufalna Tytusa w Rzymie przedstawiająca przywiezione przez Rzymian do Palestyny rzeczy z świątyni żydowskiej w Jerozolimie.

דר. ש. ז. כהנא

אונזער שוהל

בעשיידען איז אונזער שוהל. פונקט ווי דער יודישער גייסט, האָט זי אויך קיינמאָל נישט געזוכט איהר אויסדרוק אין אויסערליכער גרויסקייט און פּראַכט. ווען צעהן יודען זאַמלען זיך צונויף אויף אַנ׳ אָרט בעטען פאַר גאָט, אויסגיסען פאַר איהם זייערע הערצער—רוהט שוין אויף דעם אָרט, גאָטס גייסט, פערשפּרייט שוין אויס די שכינה דאָרט איהרע פליגעל, ווערט דאָס אָרט שוין געהייליגט. די אָרנאַמענטיק, די בעפּוצונג און די פּראַכט פון אונזער שוהל איז יודיש האַרץ, וואָס ווערט אין איהרע זענד אויסגעגאָסען. איהר אַטמאָספער איז יודישע נשמה, בעהעפט מיט גאָט. אין די טיפענישען פלעגט מען איהר אויפ-שטעלען, כדי צו סימבאָליזירען דעם „ממעמקים קראתיך ד׳" און אין די העכסטע הויכענישען דערהויבט זי דעם מענש.

זי הייליגט און לייטערט דעם מענש, אונזער שוהל. אינמיטען דעם רוישיגען און וואָכעדיגען לעבען שטעהט זי ווי אַ אינזעל אינמיטען שטורמישען ים, ווי אַ אָאַזע אינמיטען גרויען מדבר. אינדרויסען רוישט און שטורעמט דאָס לעבען מיט זיין דו-הא, מיט זיינע אָנשיקענישען; אינדרויסען פערביט דער לעבענס-מדבר דעם מענשס נשמה מיט דעם זאַמד פון וואָכעדיגקייט, דאגות פון פרנסה, קינדער און געזונד, אַרבייט און האַנדעל-וואַנדעל — רופט די שוהל אונטער איהר באַלקען דעם מענש׳ס נשמה, יאָגט פון איהר

Żydzi modlą się przed Ścianą Płaczu.

אראָב דאָס זאַמד פון דער וואָכעדיגקייט, פרישט איהר אויף, ברענגט אין איהר אַריין מנוחה, בעפרייט איהר פון טאָג־טעגליכען גערויש, גיט איהר פליגעל אינדערהויך.

זי גיט צוריק, אונזער שוהל, דעם מענש זיין צלם אלקים, מאַכט איהם דערהערען זיין אינערליכע שפראַך. מיט דעם לשון פון די תפילות און מיט דעם הייליגען ציטער צווישען איהרע ווענד צויבערט זי אַרויס אַט דעם לחש־נשמה.

אין דער שוהל אונזערע שעפט דער יוד רוח הקודש· וויל דאָרט איז דער קוואַל פון הייליגען גייסט, ער שלאָגט אָן אין די יודישע הערצער און פון דאָרט אַרויס בוואַליעוועט אַלץ דערלייטערטער און דערהויבענער גייסט.

אונזער שוהל טראָגט אויך דאָס הייליגע לאַנד אין זיך. ווען דאָס פאָלק איז אין גלות געגאַנגען האָט עס זיין היים, זיין ארץ־ישראל־של־מעלה מיטגענומען מיט זיך און עס איבערגעטראָגען אין דער שוהל. אין דער שוהל שטעלט זיך דער יוד מיט׳ן פנים צום מזרח פון זיין לאַנד. צוועלף פענסטער עפענט ער אין זיין שוהל אַנטגעגען די צוועלף שבטים־פון זיין פאָלק און היים. די ווענד פון דער שוהל בעמאָהלט ער מיט חיות און געזיקסען פון זיין לאַנד, די אָרנאַמענטיק צייכענט ער מיט זכרונות פון ירושלים, חברון צפת און טבריה — די הייליגע שטעדט פון זיין פאָטערלאַנד

אין אונזער שוהל הערשט אויך אונזער שפראַך, אויף דער שפראַך לשון־הקודש רעדט דער יוד מיט גאָט ער הילט זיך איין אין טלית, בעציהרט זיך מיט די תפילי – דער פאַר, דער שטאָלץ־טראַכט פון זיין אָבשטאַם.

און ווען דער יוד שמועסט זיך אויס מיט גאָט אין אונזער אַלטער העברעאישער שפראַך — שמועסט ער אויך

אויך וועגען זיין לאַנד, וועגען די עבודה אין דער ערשטער און הייליגסטער שוהל, אין בית־המקדש. מיט בענקשאַפט און שטילען טרויער איז ער זיך דאָס אַלץ מסדר. און דער כהן, דער בעדינער פון אַלטען בית־המקדש ערהאָבט דאָ און בענטשט דאָס פאָלק מיט׳ן אַלטען „יברכך״.

אונזער שוהל האָט אין זיך דעם מהות פון אונזער פאָלק, פונקט ווי עס האָט עס אונזער תורה. סיי דער מהות און סיי די ליידען פון פאָלק אין שוהל זענען די זעלביגע ווען דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, האָט עס געהייסען, אַז דאָס פאָלק איז חרוב. און דער אויפבוי פון פאָלק איז פערבינדען מיט׳ן אויפבוי פון בית־שלישי.

* * *

קדוש־השם — אַט דער הייליגסטער פון אַלע הייליגע אַקטען איז ס׳רוב פאַרגעקומען אין אונזער שוהל. דאָס פאָלק פלעגט זיך צונויפזאַמלען אין די שוהלען און דאָרט געהייליגט גאָטס נאָמען. אין פלאַמען אָדער אין בלוט האָט עס דאָרט העלדיש איבערגעגעבען זייערע נשמות אין די הענד פון אייביגען גאָט.

סיי ביים לעבען און סיי ביים טויט האָט זיך די יודישע נשמה נישט געשיידט מיט דער יודישער שוהל.

אויך איצט, ביי דער גזרת תרצ״ט. ביי דער נייער יודישער מאַרטיראָלאָגיע אין דייטשלאַנד, ווען דער יודישער קבוץ אין דייטשלאַנד האָט זיך געשטיקט מיט זיינע ליידען האָבען אונזערע שהלען געטיילט דעם יודישען גורל און מיט די פלאַמען פייער, וואָס די שונאים האָבען אין זיי אָנגעצינדען האָבען זיי פאַר גאָר דער וועלט בעלויכטען די יודישע יסורים.

און דאָס פייער, וואָס די רשעים האָבען אָנגעצינדען אין די דייטשע שוהלען האָבען בעלויכטען זייער אמת׳ן פרצוף.

* * *

אַמאָל, אַמאָל האָבען מיר געהאַט נביאים, וואָס האָבען געשליידערט דער וועלט גאָט׳ס פייעריג וואָרט געגען

אַמאָליגע שוהל אין כפר־נחום

Starodawna Synagoga w Kfarnaum

די חורבה פון דער שוהל פון ר׳ שמעון־בר־יוחאי אין גליל־העליון



Rumowisko synagogi po Tanaicie rabbi Szymon Bar Jochai w Górnei Galilei

פּאַגאַניזם, וואָס האָט באַזירט זיין וועלט-אַנשויאונג אויף רויב און מאָרד. מיר האָבן מעהר קיין נביאים נישט. אָבער די השגחה האָט דאָס פאָלק אַלס גאַנצעס דערהויבען צו דער ראָל פון נביאים, וואָס האָט אויף זיך די מיסיע צו בעקעמפען היינטיגען נעאָ־פּאָגאַניזם און ראַסיזם. דורך יסורים און פּיין זענען מיר דערהויבען געוואָרען צו דער דאָזיגער נביאים־הויך. גאָט׳ס וואָרט ווערט געשליידערט די וועלט דורך אונזערע גווילדיגע פּיין. זיי זענען די שפּראַך פון השם צבאות.

און אונזער שוהל איז טאַקי דער אויסדרוק געגען ראַסיזם, געגען איינטיילען מענשען אויף ראַסען. אויף גאָט׳ס געבעט־הויז ווערט געזאָגט: „כּי ביתי בית־תפלה יקרא לכל העמים“. אונזער שוהל איז דער טיפּסמער אויסדרוק פון מענשען־און פעלקער גלייכהייט, פון אַלע קינדער פון בורא־כל־העולמים, וואָס אנערקענען נאָר זיין הערשונג.

און וואָס זעהען מיר אינ׳ם ליכט פון די דאָזיגע פייער־צינגען, וואָס די רשעים האָבען געוואָרפען איבער די יידישע שוהלען אין דייטשלאַנד? —

מיר זעהען אין זייער ליכט, אַז יודען־שנאה איז מענטשען־שנאה, איז היילינקייט־שנאה. היינט איז דער קרבן אויף דעם שנאה־מזבח דער יוד און מאָרגען קאָן זיין אַן אַנדערער. די פלאַמען צייכענען דעם שליאַך פון גיפטיגער האַס, וואָס קיינער ווייסט נישט וואוהין ער וועט זיך היינט אָדער מאָרגען פערקירעווען.

דורך פייער בעווייזט זיך גאָט. און דער אלקי ישראל

האָט זיך אין אונזערע טעג בעוויזען דורכ'ן פייער פון ווי־
נע פערברענטע בתי־כנסיות אין דייטשלאַנד. דורכ'ן דאָזי־
גען פייער רעדט גאָט און וועקט דאָס געוויסען פון דער
מענשהייט.

אָט דאָס איז אונזער נייע וואונדער־ראָל אין דער
היינטיגער געשיכטע. מיט אונזערע פיין און דורך אונזערע
פייער־קרבנות רעדט גאָט צו דער וועלט, וועלכע ער וויל
ראַטעווען פון דער טיראַנעריי, וועלכע ער וויל אויסלייזען.

ועהט פאָלק דאָס נישט פערלאָשענע פייער פון די
יודישע הייליגטימער אין דייטשלאַנד און הערט, וואָס גאָט
זאָגט צו אייך פון די פלאַמען אַרויס: — געה בויען דיין
שוהל אויף גאָט'ס באַרג „מוריה"!

* * *

אין פיל, זעהר פיל פון אונזערע שוהלען אין דייטש־
לאַנד זענען געליגען סדורים, אין וועלכע שיבת־ציון תקות־
ציון און תחיית־המתים זענען געשטראָכען געוואָרען.

מיט 120 יאָהר צוריק האָבען די רעפאָרם־ראַבינער
דאָס אַלץ אויסגעמעקט פון זייערע סדורים. און איצט, ווען
די נאַציסטע פייער־צינגען האָבען די דאָזיגע סדורים גע־
ברענט זענען שוין שיבת־ציון, תקות־ציון און תחיית־המתים
פון פאָלק — פאַקטען. קאָנקרעטע לעבענס־פאַקטען.

אויך דאָרט, אינ'ם לאַנד פון אונזערע האָפנונגען
ווערט פערגאָסען בלוט און מערדער־פייער וויל פערניכטען
אונזערע דעראָבערטע פאָזיציעס. אָבער פון יענעם פייער
אַרויס רעדט דער ווילען פון אַ פאָלק צו אויפלעבונג, רעדט
דער נצחון פון פאָלק, וואָס שטעהט אויף תחיית־המתים.

די דאָזיגע ביידע פייערן האָבען אפשר צווישען זיך
אַ געמיינזאַמע שפּראַך. דאָס פייער פון בערלין פון מינכען
וויזט אָן, אַז אינ'ם פייער פון טירת־צבי און חניתא געהט
אויף אַ שטראַהל פון האָפנונג פאַר'ן שווער געפּרובטע
פאָלק. דורך די פלאַמען פון די דייטשע שוהלען רעדט השם

שוהל אין עפולה געבויט דורכ'ן „מזרחי"



Synagoga w Afule wzniesiona przez „Mizrachi"

Wielka Synagoga w Tel-Avivie

צבאות צו דער וועלט און דורך די פלאַמען פון די ארץ־ישראל׳דיגע קאָלאָניעס רעדט דער אלקי־ישראל צו זיין פאָלק, וואָס ווערט גערופען צו אויפלעבינג.

„כי אתה השם באש הצתה ובאש אתה עתיד לבנותה“.

דער חשבון איז נאָכנישט געענדיגט...

זיי פיהרען אַ קאַמף מיט ישראל; זיי פיהרען א קאַמף אויך מיט׳ן אלקי ישראל.

די גופים פון ישראל זענען אין זייערע הענד; די נשמות פון ישראל זענען נישט אין זייערע הענד.

צו די לעצטע נקודות פון נשמות ישראל קענען זיי נישט צוקומען: ווי קענען ערד־קריכער צוקומען צו די הויכע הימלען? זיי קענען אָבער אַריינברענגען זייער גיפט אין יודישע נשמות אַזוי, אַז זיי, די נשמות, ווערען אין משך פון דורות געפייניגט ביז זיי ווערען פון איהם בעפרייט, געלייטערט און גערייניקט.

„חמת למו כדמות חמת נחש, כמו פתן חרשי אטם אזנו“ (תהלים נ״ח ה׳.) (אַ גיפט האָבען זיי עהנליך צום שלאַנגען־גיפט; ווי אַן׳אַלטע טויבע שלאַנג וואָס פערשטאָפּט איהר אויער).

דער גיפט דרינגט אַריין אין הצוניות פון די יודישע נשמות; ער דרינגט אויך אַריין אפילו אין די לבושים און אין די ערשטע היכלות פון פנימיות הנשמות; ווען עס קומט אָבער צו די לעצמע נקודות — דאָ שטעה מער־

דער! דאָ לעג אַוועק דיין וואפען, עמלק! דאָ ווער שטים, המן! דאָ איז דער פייער פון די נבוכדנצר׳ס און די טיטוס׳-עס קיין פייער נישט! דאָ ווערן טעמפּ אַלע חלפים פון די נבוזרדנ׳ס!

די עמלקים מיט די נבוכדנצר׳ס מיט די נבוזרדנ׳ס מיט די טיטוס׳עס מיינען אָבער נישט אַזוי. זיי מיינען, אַז זיי קומען צו אויך צו די לעצטע נקודות פון נשמות ישראל, אַז זיי בעצווינגען און בעהערשען זיי און זיי פערניכטען זיי דורך שווערד און פייער.

און זייער שגעון דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז זיי מיינען דאָס זיי קומען צו אפילו צום אלקי ישראל. זיי פערברענען פּאַרמעטען פון ספרי-תורות און זיי מיינען, אַז זיי האָבען די תורה פערברענט; זיי פערברענען שטיינער פון די היכלות, זיי פערברענען בתי כנסיות און בתי מדרשית און זיי מיינען, אַז זיי האָבען דעם אלקי ישראל אויף אייביג בעזיגט. אָבער —

„יושב בשמים ישחק, ד׳ ילעג למו״. (תהלים ב׳ ד׳.)
ער לאַכט זיך אויס פון אַלע זייערע געמיינהייטען, דומהייטען און שגעונות. ברענט אייך, זאָגט ער, ברענט אייך העלצער און שטיינער פון מיינע היכלות, בתי כנסיות און בתי מדרשים. עס וועלען אָנקומען נאָך אַנדערע צייטען „והיו עמים משרפות שיד קוצים כסוחים באש יצתו (ישעי׳ ל״ג י״ב) פעלקער, וואָס האָבען תייליגטימער געברענט.

וועלען געברענטער קאַלך ווערען, ווי אָבגעשניטענע דערנער וועלען זיי אין זייער אייגען פייער געצונדען ווערען — „כי בערה כאש רשעה שמיר ושית תאכל ותצת בסבכי היער ויתאבכו גאות עשן״ (ישעי׳ ט׳ י״ז).

דען די רשעות ווערט אין איהר אייגענעם פייער פערברענט, דערנער און דימטעלען וועט זי אויפפּ-עסען. און אונטערגעצונדען האָט זי די געדיכטע צווייגען פון וואַלד און אויפגעהויבען האָבען זיך הויכשטייגענדע רויך-זיילען, —

פעסטונג-שוהל אין זשאָלקיעוו (17 טער יאָרהונדערט)



Synagoga twierdza w Żółkwi (17-ty wiek)

„והיה חחסון לנעורת ופעלו לניצוץ ובערו שניהם יחד ואין מכבה״(ישעי׳ א׳ ל״א).

און פונ׳ם שטארקען געץ וועט פלאקס ווערען פון זיין מאכער א פונק פייער. און זיי וועלען ביידע ברענען און קיינער וועט זיי נישט אויסלעשען.

———

זיי צינדען, זיי ברענען — און דער וואס זיצט אין הימעל, לאכט פון זיי.

נישט אלע טאל וועט אבער געשעהן אזוי. נישט אייביג וועט דער, וואס זיי פייניגען זיינע קינדער און ברע-נען זיינע הייזער, בענוגענען זיך מיט׳ן בלויזען לאכען.

עס וועלען אמאל אנקומען אנדערע צייטען. עס ווע-לען אמאל אנקומען צייטען, ווען דער יעצט לאכענדינער וועט רעדעוודיג ווערען.

„אז ידבר אלימו באפו, ובהרונו יבהלמו״ (תהלים ב׳ ה׳).

הייגט איז „יושב בשמים ישחק״; הייגט שפילט ער זיך מיט זיי; הייגט שפאסט ער און מאכט ליצנות איבער זיי. עס וועלען אבער אנקומען צייטען, ווען עס וועט שוין קיין ארט נישט זיין פאר שפאס, אפילו פאר קיין געטלי-כען שפאס.

עס וועט דאן טוזען קימען דער געטליכער דבור און מיט דעם דבור וועט זיין „אף וחרון״.

מהרש״ל-שוהל אין לובלין (געבוט אין 1567)



Synagoga Maharszała w Lublinie

קינסטלערישער אָרון־קודש אין דער קרעמעניצער שוהל



Pięknie wykonana arka przymienna w Krzemieńcu

עס וועט אָנקומען יענע צייט פאַר וועלכער די גאַנצע וועלט ציטערט יעצט און פלאַטערט, אָבער אָנשטאָט צו בעגרייפען איהר ריכטיגען זין און אויסמיידען זי דורך אויפריכטיגער תשובה, דורכ׳ן אויסבעסערען אַלע צווישענמענשליכע און צווישענפעלקערליכע בעציהונגען, לייגט מען אַליין צו, דורך פלאַכקייט און אונוויסענהייט, האָלץ צום פייער און מען דערנעהנטערט די צייט פונ׳ם נביא׳ס זעהונג:

„בעברת ד׳ צבאות נעתם ארץ ויהי העם כמאכלת אש איש אל אחיו לא יחמלו״ (ישעי׳ ט׳ י״ח).

דורך דעם צאָרן פון ד׳ צבאת איז די ערד פערשרפה׳ט געוואָרען און דאָס פאָלק איז אַ קויהל־פייער געוואָרען, איינער איבער דעם צווייטען דערבאַרעמט זיך נישט...

———

און מיר, בני ישראל וואָס וועט פון אונז ווערען?

שטום שטעהען מיר פאַר אַלעם דעם, וואָס מען טהוט איבער אונז און אויך איבער אַלעם דעם, וואָס די פעלקער טהוען איינער איבער די צווייטע.

מיר שטעהען יעצט אַלע געגענאיבער די וועלט־געשעהענישען —

„כרחל לפני גוזיה נאלמה ולא יפתח פיו״. (ישעי׳ נ״ג ז׳) ווי אַ שעפעלע, וואָס שטעהט שטום פאַר איהרע שערער און ווי איינער, וואָס קען זיין מויל נישט עפענען.

מה נאמר ומה נדבר? וואָס קענען מיר דען היינט

זאָגען און וואָס קענען מיר דען היינט רעדען ? האָבען מיר דען היינט צו וועמען צו רעדען ? הערט אונז היינט דען עמיצער ? זאָלען מיר רעדען צו די, וואָס פייניגען אונזערע ברודער אין קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער־ן און יאָגען זיי אין פער־הונגערן זיי ? זאָלען מיר רעדען צו די אַלע, וואָס זעהען עס אַלץ, קוקען זיך צו און שווייגען ? און זאָלען מיר אפילו רע־דען צו די, וואָס גיבען זיך אָן אַלס אונזערע גליקס־וואונ־שער, האָבען אפילו רחמנות אויף אויף אונז, קלייבען נדבות פאַר אונז, זענען אונז אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג מזכה מיט נייע „טעריטאָריעס" — און גיבען אונז דאָך קיין אָרט נישט וואו דעם קאָפּ אַנידערלייגען ?

אַלע אונזערע רייד בלייבען אין פוסטען רוים. אַלע אונזערע טרעהרען ווערען אויסגעטריקענט און דרינגען אין קיינע הערצער נישט אַריין.

ווי קענען מיר עס אויסהאַלטען ? ווי קענען מיר עס אריבערטראָגען ?

„יושב בשמים ישחק, ד׳ ילעג למו". ער קען זיך לאַכען פון זיי. ער זעהט דעם סוף פון אַלע די, וואָס שטורמען עגען איהר. מיר בשר ודם׳ס, מיר זעהען אָבער דאָס אַלץ נישט. מיר זעהען נאָר דאָס, וואָס קומט פאַר פאַר אונזערע אונזערע אויגען. צווישען „יושב בשמים ישחק" און „אָז ידבר אלימו באפו" ווערען מיר דערווייל צוריבען אויף מעהל. פאַלען אויף אונז קלעפּ נאָך קלעפּ, אַז מיר האָבען

אפילו גאָר קיין צייט נישט אַרומצוקוקען ביי זיך, בעטראַכ־טען אונזער לאַגע און האָסער נישט אויבגאַנג זוכען.

אָבער פון הייטע, ווייטע שטערענס קומט צו אונז א וואינק ווענען עטוואָס זעהר ליכטיגעס, וואָס קומט אונז אויף אונז און דורך אונז אין דער גאַנצער וועלט.

אין דער רעכטער צייט פון „ידבר אלימו באפו ובחרונו יבהליכו" קומט דער וואונק פון —

„ואני נסכתי מלכי על ציון הר קדשי".

פעלקער רויטען, פעלקער ברויזען, פעלקער שטורמען, פעל־קער רעוואָלטירען, פעלקער ווערען איינגעשטילט, פעלקער ווילען ישראל אין גאַנצען איינשלינגען, פעלקער ווערען גע־צוימט, פעלקער ווערען איינגעהאַלטען אין זייער וואוט. פעלקער ווערען פערזינקען אין זייערע אונאָיפּהערליבע געגענזייטיגע פערניכטונגען און אָט ווערט גאָר, איבער־גאָר דער וועלט געטראָגען א קול —

„ואני נסכתי מלכי על ציון הר קדשי".

הרב יצחק ניסענביום

דער ליכט טורם

די שוהל דערפילט די זעלביגע מיסיע, וואָס אַמאָל דער בית-המקדש אין ירושלים. זי איז דער גייסטי- גער צענטער פון יודישען צבור פאַר תפלה, תורה און די צבורידיגע און נאַציאָנאַלע דרכים פון פאָלק. זי איז דער קוואַל, וואָס שלאָגט מיט הייליגע געפיהלען און פילט אָן דעם יודיס הארץ מיט דאַנק צו גאָט, ווען עס איז איהם גוט און ווען עס איז איהם שלעכט שעפט ער פון איהר טרייסט און דערמוטיגונג.

די שוהל שליסט זיך נישט אָב מיט איהרע פיר ווענד. זי גיט מיט דעם מתפלל פון איהר קדושה אויך פאַר זיין היים. און דערום האָט הלל הזקן געזאָגט, אַז דער מענש, וואָס בעזוכט גאָטיס הויז, בעזוכט כביכול דעם מענש אין זיין הויז... (סוכה נ"ה).

***

דריי גרויסע כוחות האָבען זיך פעראייניגט אין דער שוהל.

דער ערשטער כח: די תפלה.

די תפלת-היחיד איז אַ ענין צווישען מענש פריוואַט און גאָט און די האָט נישט געהאַט קיין פעסטגעשטעלטען נוסח אפילו נאָכין חורבן בית-שני. יעדערער האָט זיך געדאַווענט אין זיין נוסח, אין זיין סטיל און אין זיין שפראַך. די תפלת-הצבור איז שוין אָבער געווען אַ נאַציאָנאַלער ענין. איהר נוסח האָבען מתקן-געווען די אנשי-כנסת-הגדולה. און דער נוסח איז געווען גענוי בעשטימט און דווקא אויף העברעאיש, די שפראַך פון פאָלק. די שוהל איז פון אָנהויב בעשטימט געווען פאַר תפלת הצבור און די דאָזיגע תפלה, וואָס איהר נוסח איז שפּעטער געוואָרען אויך אַ תפלת-היחיד, וואָס איז אינגאַנצען יודיש און געטליך פייער, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע מענשען פון דער אומה — האָט דערהויבען די

Synagoga-twierdza w Łucku



פעסטונג-שוהל אין לוצק

האָלץ-שוהל אין זאַבלאָדאָוו (פון 1700)

Drewniana synagoga w Zabłudowie

יודישע נשמה פון איהר איינזאמקייט און איהר מקשר-געווען מיט דער כלליותדיגער נשמה פון פאָלק.

דער צווייטער כח: ד אָ ס ל יי ע נ ע ן ד י ת ו ר ה א ו ן ד י ד ר ש ה.

דאָס לייענען די תורה אין דער שוהל איז בעשטימט, כדי צו פערשפרייטען צווישען פאָלק דאָס וויסען פון דער תורה און בעהויכען די מתפללים מיט איהר גייסט. אויך די דרשה, וואָס האָט דערפילט אַ וויכטיגע אויפגאַבע אין דער עבודת-הקודש פון דער שוהל, האָט געשטרעבט צו פערשפרייטען תורה צווישען יודען און צו דערוועקען געפיהלען פון ליבע און כבוד צו דער יודישער אומה, צו איהרע צרות און האָפנונגען. די דרשה האָט געבּרענגט אין דער שוהל דאָס ל ע ב ע ד י ג ע וואָרט, זי האָט אַריינגעבּראַכט אין איהר דעם ל ע ב ע ד י ג ע ן שטראָם. זי האָט אַרויסגעבּראַכט די יודישע ווירקליכקייט, אַרויסגערופען איהרע קרעכצען און אָנגעצינדען פונקען פון האָפנונג. און ווען די דרשה האָט אָבגעטרעטען דאָס אָרט דעם פיוט — איז זיינער צייט דער פיוט אויך געווען ל ע ב ע ד י ג, געטראָגען אין זיך דעם עכאָ פון דער צייט, דעם צאַפּעל פון פאָלקס-צער, די נ יי ע בענקשאַפטען פון פאָלק און די נ יי ע האָפנונגען. אַכט הונדערט יאָהר זענען די טויערען פון דער שוהל אָפען געווען פאַר די פיוטים. פון ערשטען פיוט „עליתני" פון יוסי בן יוסי ביז „לכה דודי" פון ר' שלמה אלקבץ. און די פיוטים האָבען דאַן געקלאַפּט מיט'ן דופק פון דער אומה.

דער דריטער כח: ד ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר.

ביי יעדע עת-צרה האָט זיך דאָס פאָלק פערזאַמעלט אין דער שוהל אויסצוגיסען זיין ביטער האַרץ פאַר גאָט. אָדער צו טראַכטען אַ עצה געגען שונא. יעדע צרה האָט פערזאַמעלט דאָס פאָלק אין דער שוהל. די שוהל איז געוואָרען דער שוץ-טורם פאַר די כוחות,

וואָס האָבן געוואָלט בעשיצן דאָס פאָלק (פ ס ח י ם פ"ז, קוה"ר ט', י"א).

* * *

די שוהל האָט אויך ערצויגען אונזער יוגענד. זאָגען דעריבער די חז"ל, אַז ווער עס געהט נישט אין שוהל ברענגט פאַר זיך און זיינע ק י נ ד ע ר גלות. און ווער עס דאַווענט אין שוהל לייזט אויס כביכול און זיינע קינדער פון די אומות (ברכות, ח').

די שוהל דערלייזט. זי איז אַ שטח פון גאולה.

זי איז אַ שוץ-טורם און אויך אַ לייכט-טורם.

די שונאים אונזערע האָבען שטענדיג געוואוסט אָבצושאַצען דעם ווערט פון דער שוהל פאַר דער אומה. און דערום זאָגען די חז"ל, אַז בלעם הרשע האָט געשאָלטען די יודען, אַז „זיי זאָלען נישט האָבען קיין שוהלען און עס זאָל נישט רוהען צווישען זיי די שכינה" (סנהדרין ק"ה) און די תלמידים פון בלעם הרשע האָבען נישט איינמאָל געוואָלט פערווירקליכען זיין קללה אינים לעבען. אָבער די דאָזיגע איינציגע קללה בלעמיס איז נישט מקוים געוואָרען און דערמיט איז גערעטעוועט געוואָרען דער קיום פון יודישען פאָלק!

און לאָמיר האָפען, אַז אפילו די היינטיגע בלעמיס וועט די קללה נישט געלונגען צו פערווירקליכען!

Synagoga w Warszawie

ווארשעווער סינאַגאָגע

ליפאַ קעסטין

ר׳ חנינא בן תרדיון

- גווילין נשרפין ואותיות פורחות . . .

א.

...עס איז געשעהן אין יענע טעג פון פיין און צער,
ווען אומעטום עס האָט געלויערט די געפאַהר,
אין דרויסען האָט געפאָכט די בלאַנקע בייזע שווערד
און בלוטיג-רויט געפאַרבט עס איז די שוואַרצע ערד
און אינעווייניג האָט געשוועבט די ווילדע שרעק,
אין פלאַמען צינדען הימלען זיך פון עק ביז עק,
אַניאָבגלאַנץ פון יריעות ברענענדע אַ קנויל,
מיט וואָלקענס-רויך פון שוהלען אויסגעמישט אַ גרויל;
אין לוד פערטיליגט לאַנג שוין די בני-תורה דאָרט,
פון „יבנה" און פון אושאָ" זיי פעריאָגט פון אָרט.
און האָט מען אַ קול-תורה ערגעץ-וואו דערהערט,
געקומען זענען גלייך די רוימער און פערשטערט.
עס האָט דער שונא שפּאָטיש, ווילד און פרעך און שלעכט,
גאָט'ס וואָרט פערשוועכט — — —

אַמאָליגע סינאַגאָגע אין
טאָלעדאָ, איצט קירכע
סאַנטאַ-מאַריע אין בלאנקא

Starodawna Synagoga w Toledo
obecnie Kościół st. Maria w Blanco

פּלאַן פון אַ שוהל פון
קאַי-פאָנג-פו (כינא)



Plan Synagogi w Kaj-Fong-Fu (Chiny)

ב.

נאָר ערגעץ אין אַ שטעדטעל סכנין וואוינט אַ יוד,
האָט פאַר די ווילדע שונאים כלל קיין פחד ניט.
רבי חנינא בן תרדיון — גאָט'ס נאָמען מאַכט ער גרויס,
ער זיצט זיך מיט אַ ספר-תורה אין זיין שויס,
האָט אויפגעוויקעלט פון דער תורה הויך די פאָהן,
ברבים תורה פיעל פערשפרייטען טהוט ער טהון
און מיט תלמידים הויך געלערענט אויפין קול
און זיינע פרק-ווערטער קלינגען אָב ווי שטאָל:
„ווען צוויי זיי זיצען און מען הערט קיין תורה-וואָרט,
איז דאָס נישט מעהר ניערט אַ מושב-לצים אָרט;
ווען ס'ריידען אָבער דברי-תורה יענע צוויי,
דאַן רוהט די שכינה תמיד דאָרטען צווישען זיי...
ווער ביחידות לערענט, וועט ער אויך דערפאַר
בעקומען שכר" — — —

ג.

ווען קיסר האדריאן דערוויסט האָט זיך פון איהם,
גלייך האָט געדונערט ווילד און בייז זיין שטים:
— ווער האָט געוואגט אַזוינס צו מאַכען פון מיר שפּאָט
און ווידערשפעניגען אין מיר און מיין פערבאָט? —
אַרויסגעגעבען האָט דער רשע אַ בעפעהל,
דעם ווידערשפעניגער פערברענען זאָל מען שנעל...
אַ פייער אָנגעצונדען האָט דער תליון, דער טיראַן
און נאַסע וואָל צום האַרצען צוגעלעגט איהם דאַן,
אַז ליידער די יסורים קשים זאָל ער מעהר
און די נשמה אויסגעהן זאָל איהם גרויליג שווער...
עס פרעגען די תלמידים זיינע איהם צולעצט:
נון, וואָס-זשע, טייערינקער רבי, זעהסטו יעצט?
— דער פּאַרמעט ברענט און כלה ווערט ער מיט'ן רויך,
די אותיות אָבער פליהען אין דער הויך — — —

אשכנזישע שוהל אין אַמסטערדאַם
(קופערשטיך 1680)



Synagoga Aszkenazyjska w Amsterdamie

ד.

און סישטעהט דאָרט רבי חנינאיס טאָכטער מיט אַ וועה:
אוי, וועה צו מיר, מיין טאַטע, דיך צו זעהן אַזוי!...
און גאַנצע בעק מיט טרעהרען זי פערגיסט און קלאָגט.
דאָ טרייסט דער טאַטע מיט תנחומים-רייד און זאָגט:
נישט זיי, מיין טאָכטער, אַזוי יאָמערליך פערצאָגט,
איך האָב קיין אַנגסטען, וואָס דער פייניגער מיך פלאָגט,
ווען ברענען וואָלט מען מיך בלויז, ברענען מיך אַליין,
פערשטאָנען וואָלט איך, טאָכטער מיינע, דיין געוויין,
ווען אָבער אויך די ספר-תורה ברענט מיט מיר,
דער, וואָס וועט אָננעהמען די עוולה זיך פאַר איהר,
וועט אויך דאַן שוין זיך אָננעהמען די עוולה מיין —
און וועט דעם לעסטערער בעצאָהלען פאַר מיין פיין...

— — — — — — — — — — — —

און ביי די לעצטע רויטע פייער-צונגען-שיין,
האָט אויסגעהויכט בן-תרדיון די נשמה זיין!...

אַלטע שוהל אין בעלז



Stara Synagoga w Bełzie

יהודה יפת

אַ לאָגעל טרעהרען

נישטאָ קיין טרויעריגקייט פאַר'ן רבון-העולמים. „שטאַרקייט און פרייד איז אין זיין אָרט". אָבער ווען דער בית-המקדש איז חרוב געוואָרען, ווען די יודישע געטליכע הייליגטימליכקייט איז צעשטערט געוואָרען — וויינט כביכול. וויינען אפילו די מלאכי-השלום ביטער. אין די טיפע געטליכע פערבאָרגענישען בלישטשען טרעהרען. „אין די פערבאָרגענישען וויינט מיין נפש" (חגיגה, דף ה' ע"ב).

די דאָזיגע טרעהרען זענען קיינמאָל נישט אָבגעווישט פון די פנימ'ער פון דער הימלישער פמליא. און אַלע טרעהרען, וואָס ווערען פערגאָסען איבער דעם טויט פון קדושים, ווערען אויסגעמישט אין טרעהרען-לאָגעל פון דער חרוב געוואָרענער יודישער הייליגטימליכקייט. (זוהר, שמות, רמ"ה, ע"ב).

דער זיכינסטער איז ער, דער טרעהרען-לאָגעל פון יודישע הייליגטימער - קדושים. אין איהם פאַלען אריין די טרעהרען איבער אַלע מענשען-קדושים.

און אויך די הייליגטימער-קדושים פערגיסען טרעהרען. די כותל-מערבי — זאָגט די אגדה — פערגיסט טרעהרען ווען יודען זענען אין אַ עת-צרה.

אַ טרעהרען-לאָגעל פון די אַלטע צייטען

Kielich od łez ze starodawnych czasów

און אין דעם גרויסן חנא-לאָזן טרערן-לאָגעל, וואָס איז אָנגעהאָנגען אויפ׳ן רוקען פון דער יודישער געשיכטע, מישען זיך אויס די טרערן פון כביכול, די טרערן פון די שטיינער-מערטירער און די טרערן פון ישראל, פון די מענשען-מערטירער.

ווען עס מישען זיך צונויף פערגאָסענע געבליטען — ברויזען זיי און שטורמען. און ווען עס מישען זיך צונויף פערגאָסענע טרערן — זידען זיי און פילען אָן דעם וועלט-חלל מיט אונרוהיגען צער.

*
**

אין איינע פון די עלטסטע שוהלען אין אייראָפּא, אין דער פּראגער אַלט-נײַ שוהל, זאָלען נאָך קלעבען אין די אַלטע ווענט בלוט-טראָפּענס פון די קדושים פון 1389, וועלכע זענען דאָרט אומגעקומען אויף קדוש-השם און זייער בלוט האָט בעשפריצט די ווענט פון דער שוהל.

בלוט קאָן קלעבען הונדערטער יאָהר און קיין האַנד — אפילו די האַנד פון דער צייט — זאָל עס נישט קאָנען אַראָבנעהמען. טרערן עסען זיך איין טיפער אין די שטיינער. זיי זענען אייביג פריש, פונקט ווי זיי טרוקענען נישט אויס אויף די פנימ׳ער פון דער פמליא-של-מעלה.

און וועלכער שטיין פון יודישע שוהלען איז דאָס נישט אַדורכגעזאַפט מיט טרערן? וועלכער שטיין פון אַ שוהל-וואַנד שרייט דאָס נישט אַרויס די יודישע מאַרטיראָלאָגיע?

געברענט האָט מען די שטיינער און די יריעות צוזאַמען מיט די יודישע נשמות. גע׳רודפ׳ט האָט מען זיי גלייכצייטיג פון די עלטסטע תקופות. מען האָט פערוועהרט צו בויען שוהלען, מען האָט זיי פערברענט, אָדער מען האָט זיי פערשוועכט, אין קירכעס זיי פערוואַנדעלט.

דער קדוש-השם פון די יודישע הייליגטימער איז אַ שטומער און דערפאַר אַ ריהרענדער. זיי האָבען געברענט צוזאַמען מיט יודישע נשמות און ווען יודען, אין די צייטען פון די קרייץ-צוגען, האָבען מקדש-השם געווען דורך אומברענגען זיך אַליין, האָבען זיי די שוהלען אויך אַליין אומגעברענגט, אַז זיי זאָלען נישט אַריינפאַלען אין שונא׳ס הענד. און פונקט ווי כביכול האָט געהאַלזט און געקושט דעם אומגעקומענעם בית-המקדש, זענען די נשמות פון דורות געקומען זיך געזעגענען מיט דער שוהל, איידער דאָס פייער האָט איהר אַרומגענומען.

יעדער שטיין פון אַ שוהל — אַ שטיק יודיש צער. יעדעס אות פון דער ספר-תורה — אַ יודישע צעוועהטאָגטע נשמה. און יעדע יודישע תפלה — אַ טרער אין דער קרוין פון כביכול.

וווייל אויך זי, די יודישע תּפלה, האָט איהר מאַר-טירער-געשיכטע.

***

מיר ציילען די טרעהרען פון די הייליגטיימער-קדו-שים אין העם גרויסען לאַגעל פון דער יודישער גע-שיכטע. פון נבוכדנאצר ביז היטלער. אין די טרעה-רען רויטעלט זיך בלוט. און עס פייערט זיך פלאַמען און סע דערמאָהנט זיך אַ גרויס וואָרט:

זיי מיינען, אַז זיי וועלען מיט פייער מיין פייער לעשען...

דער חורבן פון ערשטען בית-המקדש

(ג', של"ח — 656 פאַר'ן חורבן בית-שני)

„און אין פינפטען חודש, זיבעצען טאָג אינים חודש, דאָס איז דאָס ניינצעהנטע יאָהר צו דעם מלך נבוכד-נאצר, דער קעניג פון בבל, איז געקומען נבוזראדן, דער שעכט-מייסטער, דער קנעכט פון קיניג פון בבל קיין רושלים און ער האָט אונטערגעצונדען גאָטיס הויז"...

„און די קופערנע זיילען, וואָס זענען געווען אין גאָטיס הויז און די פיס און דעם קופערנעם ים, וואָס איז געווען אין גאָטיס הויז האָבען די כשדים צוברא-כען און זיי האָבען געטראָגען זייער קופער קיין בבל"...

מלכים-ב', כה'—ח', ט', י"ג

די „אַלט-ניי" שוהל אין פראָג

Synagoga „Alt Naj" w Pradze

... אין זיבעטען טאָג (פון חודש אב) זענען די גויים אַריינגעגאַנגען אין היכל און האָבען געגעסען אין איהם און בייזיס געטהון אין איהם. אין דעם זי-בעטען און אַכטען און אין ניינטען טאָג, נאָהנט צו נאַכט, האָבען זיי אָנגעצינדען אין איהם א פייער און ער האָט געברענט אַ גאַנצען טאָג.

(תענית כ"ט)

... ווען די שכינה איז אַרויסגעגאַנגען פון בית-המקדש האָט זי זיך צוריקגעקעהרט, אַרומגענומען און געקושט די ווענד פון בית-המקדש און די זיילען פון בית-המקדש און געוויינט און געזאָגט: בלייב געזונד, מיין בית-המקדש! בלייב געזונד, מיין מלכות-הויז! בלייב געזונד, מיין טייער הויז! בלייב געזונד! זיי געגריסט פון אַצינד אָן!

(איכה רבה).

פון ספר תהלים

דיינע בעליידיגער האָבען געשריגען אין דיין פערזאַמלונגס-הויז און געמאַכט זיך זייערע צייכנונגען...
זיי האָבען אָנגעצינדען אין פייער דיין מקדש, מיט דער ערד צוגלייך האָבען זיי פערשוועכט דאָס הויז וואו דיין נאָמען רוהט.
זייערע געוועלטיגער האָבען זיך אַלע איינאַנדער געזאָגט אין זייער האַרץ, אַז זיי האָבען שוין פערברענט אַלע גאָטיס הייזער אויף דער ערד.

(תהלים ע"ד, ד', ז', ח').

Synagoga „Beth Izrael" w Amsterdamie



שוהל „בית ישראל" אין אַמסטערדאַם

אין די צייטען פון אנטיוכס הרשע

(פון יאָהר 245 ביז'ן יאָהר 230 פאַר דער איצטיגער צייט-רעכענונג).

... און עס איז געווען נאָכדעם ווי ער (— אנטיוכס) האָט צוריקגעקעהרט פון שלאָגען דאָס לאַנד מצרים, אינים יאָהר הונדערט, דריי און פערציג איז ער אויפ-געגאַנגען אויף ירושלים מלחמה צו-האַלטען און ער איז געקומען קיין ירושלים מיט אַ מעכטיג און גרויס חיל. און ער איז אַריינגעקומען מיט זיין עזות אינע-ווייניג אין בית-המקדש און ער האָט גענומען דעם גאָלדענעם מזבח און די מנורה און אַלע איהרע כלים און דעם אינערליכען שלחן און זיינע שליסלען און זיינע לעפעל און די בעקענס און דעם בעדעקונגס-פּרוכת און די קרוינען און דאָס גאַנצע גאָלדענע ציה-רונג, וואָס פאַרין היכל — און ער האָט דאָס אַלץ צעשניטען...

...און עס איז געווען אינים יאָהר הונדערט, פינף און פערציג, פופצעהן טאָג אינים חודש כסלו, האָבען זיי אויפגעשטעלט אַ ווילדע אומווירדיגקייט אויף גאָטס מזבח... גאָטס ספרי-תורה האָבען זיי צעריסען אויף שטיקער און זיי פערברענט אין פייער. און יעדער, ביי וועמען מען האָט געפינען אַ ספר-תורה און דער, וואָס האָט געהיטען גאָטס מצוות, האָט מען געהרגעט...

(ספר חשמונאים א').

Synagoga na Kaukazie



אַ שוהל אין קאַווקאַז

...און עס איז געווען נאָך די דאָזיגע זאַכען האָט
דער מלך געשיקט אַניאַלטען מאַן פון אַנטיאָכיע און
ער האָט איהם בעפויהלען צו צווינגען די יודען, אַז
זיי זאָלען אָבקעהרען פון די געזעצען פון זייערע על-
טערען און פערלאָזען גאָטיס תורה. אויך מטמא צו
זיין דעם מקדש אין ירושלים און איהם אָנצורופען
מיטין נאָמען: דער טעמפעל יאָפיס אָלימפיוס און
דעם מקדש אויפין הר גריזים אָנרופען מיטין נאָמען:
דער טעמפעל יופיס קאַסיניוס... און עס איז געווען
ווי עס איז בעקאַנט געוואָרען די דאָזיגע אומווירדיג-
קייט, האָט עס יודען זעהר, זעהר וועה געטהון. און
דיגוים האָבען געפרעסען און געזויפט אין מקדש און
האָבען מזנה געווען אויפין הויף פון בית-המקדש
און זיי האָבען אַריינגעברענגט אין היכל אַלע נישט-
דערלויבטע זאַכען און זיי האָבען מקריב געווען יע-
דע אומווירדיגע זאַך אויף גאָטיס מזבח...

(ספר השמונאים ב').

שוהל „שער השמים" אין קאַאירָא



Synagogo „Szar Szomaim" w Kairze

דער חורבן פון צווייטען בית-המקדש

(די ת"ת) — 70).

. . . טיטוס האָט געלעסטערט די הימלען אין קדשי-קדשים, אויסגעשפרייט אַ ספר-תורה און אויף איהר געטהון אַניעבירה. דערנאָך האָט ער גענומען אַ שווערד און צעשניטען דעם פרוכת, איז געשעהן אַ נס און בלוט האָט אַרויסגעשפריצט און ער האָט גע-מיינט, אַז ער האָט זיך אומגעבראַכט...

וו י י ט ע ר.

.. ער האָט גענומען דאָס פרוכת און פון איהר גע-מאַכט ווי אַ וויין-קאָרב און אַריינגעלעגט אין איהר אַלע כלים פון בית-מקדש און אַרויפגעלעגט אויפ'ן שיף צו געהן און רוהמען זיך דערמיט אין זיין שטאָדט...

(גטין נ"ז, ע"א).

...ווען די יודישע גבורים האָבען געזעהן, אַז דער בית-המקדש ברענט אין פייער האָבען זיי אויפגע-הערט מלחמה צו האַלטען מיט די רוימער און זענען אַריינגעשפרונגען אין פייער, ווייל זיי האָבען געוואָלט פערברענט ווערען אין דעם פייער, וואָס פערברענט דאָס רוה-אָרט פונים גאָט פון זייערע עלטערן, ווייל נישט פאַר אַ טויט, נאָר פאַר אַ הילף און אַ זיג איז ביי זיי פערדעכנט געוואָרען אויסצוהויכען זייער נשמה אונטער די חורבות פון זייער בית-המקדש"...

... מיט לוסט זענען זיי געפאַלען אונטער דער שווערד פון ווייערע שונאים, אָדער זיי האָבען זיך אַליין געשטאָכען איינער דעם אַנדערען, אָדער זיי זע-נען אַריינגעשפרונגען אינים פייער — אַבי זיי זאָלען נישט לענגער לעבען, נאָכדעם ווי דער בית-המקדש פון זייער גאָט איז וויסט.

(Dis Cassius 66, 6)

Synagoga w Nirobie (stolica Kenii)



שוהל אין ניראָבי (הויפט-שטאָט פון קעניא)

אין די טעג פון אַנדרינוס

(אינים יאָהר 2—131).

... זיי האָבען געטראָפען ר׳ חנינא בן תרדיון, ווי ער איז געזעסען און עוסק געווען אין תורה און צו-נויפגערופען פערזאַמלונגען צווישען די מאַסען און אַ ספר-תורה האָט ער געהאַלטען אין דער שויס. האָבען זיי געזאָגט צו איהם: פאַרוואָס האָסטו עוסק געווען אין תורה? — האָט ער צו זיי געזאָגט: ווייל אַזוי האָט מיך געבאָטען ה׳ דער גאָט.

האָבען זיי איהם געבראַכט און איהם איינגעוויקעלט אין אַ ספר-תורה און איהם אַרומגערינגעלט מיט בינטלעך צווייגען און אָנגעצינדען אין זיי אַ פייער און זיי האָבען געבראַכט ווייכע שטיקער וואָל און זיי איינגעוויקעלט אין וואַסער און זיי געלעגט אויף זיין האַרץ, כדי ער זאָל נישט אַזוי גיך אויסהויכען זיין נשמה. האָט צו איהם געזאָגט די טאָכטער: טאַטע, אַזוי זאָל איך דיך זעהן? האָט ער צו איהר געזאָגט: ווען איך וואָלט אַליין פערברענט געוואָרען, וואָלט עס מיך געאַהרט, איצט,- אַז איך ווער פערברענט צוזאַמען מיט אַ ספר-תורה — ווער עס וועט מאָהנען די שאַנד פון דער ספר-תורה, דער וועט מאָהנען מיין שאַנד. האָבען צו איהם געזאָגט זיינע תלמידים: רבי, וואָס זעהסטו? האָט ער צו זיי געזאָגט: די פאַרמעטען ברענען און די אותיות פליהען

אַרויס אין דער לופט...

(עבודה-זרה, י״ח).

Wielka synagoga w Londynie



גרויסע שוהל אין לאָנדאָן

מען האָט נאָכגעזאָגט פאַר רבן שמעון בן גמליאל: פיר הונדערט שוהלען זענען געווען אין כרך ביתר, און אין יעדער שוהל האָבען זיך געפונען פיר הונ־דערט מלמדים און יעדערער פון זיי האָט פאַר זיך געהאַט פיר הונדערט תלמידים. און ווען דער פיינד איז דאָרט אַריינגעקומען האָבען זיי איהם אַרויסגע־שטויסען מיט די טייט־העלצלעך. און ווען דער פיינד האָט זיך געשטאַרקט און זיי בעצווינגען — האָט ער זיי איינגעוויקעלט אין זייערע ספרים און זיי אונטער־געצונדען אין פייער.

(גטין נ״ז און נ״ח).

סירוב שוהלען אין בבל זענען געווען אויסער דער שטאָדט, ווייל דיפרסיים האָבען גוזר־געווען, אַז מען זאָל נישט בויען אַ שוהל אין שטאָדט.

Hostingś Dict. III p. 638

די גזירות פון איסלם און פון קריסטענטום

.(1138—609)

און דער קאַליף אַל־מאָטאָקאַקיל האָט אַרויסגעגע־בען שווערע גזירות אויף יודען און זייערע שוהלען פערוואַנדעלט אין מעטשעטען...

(וויל: „די קאַליפען" II. 353).

Mozaika w (Hamas-Lif) Tunis

פאָדלאָגע־מאָזאַאיק אין האמאס־ליף (טוניס)

... אין דער שטאָדט עליאָסאַנאָ...

... דאָס אָרט פון תפלה און רוהם איז אַוועקגעגעבען געוואָרען פאַר אַ תיפלה-הויז. און דאָס פרעמדע, אַכזריות׳דיגע פאָלק האָט צעריסען גאָטיס בעגלויבטען דת...

... די קהלה סאַגלמאַסאַ, אַ שטאָדט פון גאונים און נבונים, זייער ליכט האָט אַ פינסטערניש צוגעדעקט, די זייל פון תלמוד האָט זיך איינגעבויגען און דער בנין איז צושטערט געוואָרען, און די משנה איז צו שאַנד מיט די פיס געטרעטען געוואָרען...

(אברהם אבן-עזרא, דיוואַן 169)

אינ׳ם בלוטיגען מאַרש פון ערשטען קרייץ-צוג

די קריסטען פון אַלעקסאַנדריען, מיט דעם בישאָף קערעל בראש, האָבען פערנומען מיט געוואַלד די יודישע שוהלען אינים יאָהר 415 און פערטריבען פון דאָרט די יודען.

*
**

טעאידוסיוס דער צווייטער (450—408) האָט פערווערט יודען צו בויען שוהלען.

גזרה תתנ״ו — (1096).

...און ווען עס איז אָנגעקומען די שלעכטע בשורה קיין וואָרמס, אַז עס איז אויסגעיהרגיעט געוואָרען אַ

אַלטע שוהל אין טאָלעדאָ, געבויט דורך ר׳ שמואל הלוי איצט אַ קירכע אונטערין נאָמען „על טראַסיטאַ"



Stara Synagoga w Toledo, wzniesiona przez rabbiego Samuela Halewiego

טהייל פון קהל פון שפּייער האָבן זיי געשריגן
צו גאָט און געוויינט אַ גרויס און ביטער געוויין...
[illegible]
אין אייר, אום זונטאָג, האָבן זיי זיך געשושקעט אַ סוד אויף די יודען און זיי האָבן גענומען זייערס אַ טויטען, וואָס איז נאָך מיט דרייסיג טעג צוריק בעגראָבן געוואָרען און זיי האָבן איהם געטראָגען איבער דער שטאָדט און זיי האָבן געזאָגט: „זעהט, וואָס די יודען האָבן געטהון מיט אונזערים אַ חבר! — זיי האָבן גענומען אַ גוי און איהם געקאָכט אין וואַסער און דאָס וואַסער געגאָסען אין אונזערע ברונעמים, כדי אונז צו טויטען"... און עס זענען אויפגעשטאַנען די מדבר-וועלף איבער די יודען, וואָס זענען געבליבען אין זייערע שטובען און זיי צערויבט — מענער, פרויען און קליינע קינדער. און זיי האָבן צעשטערט די הייזער און צערויבט. און זיי האָבן גענומען די תורה און איהר אויסגעטרעטען אין בלאָטע, איהר צעריסען און אונטערגעצונדען...

... און עס איז דאָרט געווען (א י ן מ יי נ ץ) אַ תלמיד-ותיק, ר' ברוך ברי' יצחק און ער האָט צו אונז געזאָגט: זייט וויסען באמת, אַז עס איז אויף אונז נגזר געוואָרען אַ גזרה פון הימעל און מיר קאָנען נישט ניצול ווערען פון איהר. ווייל ביינאַכט האָב איך און מיין שווער יהודה געהערט ווי נשמות דאַווענען ביינאַכט אין שוהל מיט אַ גרויס קול, ווי אַ געוויין. און ווען מיר האָבן געהערט דאָס קול און מיר האָבן געמיינט: אפשר זענען פון בישאָפּיס הויף (—וואו עס האָבן זיך אויסבעהאַלטען אַ טייל יודען) געקומען א טייל יודען צו דאַווענען אין דער שוהל אין האַלבער נאַכט. זענען מיר געלאָפען צו דער טהיר פון

בודאַפּעסטער שוהל (ליטאָגראַפיע פון 1860)

Synagoga w Budapeszcie Litografia z r. 1860

דער שוהל מיט האַרץ-ביטערניש און פערוועהטאָגט,
צו זעהן ווער עס זענען די מתפללים — איז די טהיר
געווען פערשלאָסען. מיר האָבען געהערט אַ שטים
און אַ גרויס געוויין, אָבער מיר האָבען גאָרנישט פער-
שטאַנען, וואָס מען רעדט. זענען מיר אַהיים געלאָ-
פען...

***

...און אַ ספר-תורה האָט זיך אויך געפינען דאָרט
אינים חדר. זענען די פערבלאָנדזשעטע (— די קרייצ-
לער) אַריינגעקומען אינים חדר און זיי האָבען איהר
געפינען און זיי האָבען איהר צעריסען אויף שטיקער.
און ווי עס האָבען געזעהן די קדושות און טהורות,
די בנות מלכים, אַז די תורה איז צעריסען געוואָ-
רען — האָבען זיי גערופען אויף אַ הויך קול צו זייע-
רע מענער: זעהט ווי די פיינד צערייסען די הייליגע
תורה. און די ווייבער האָבען אַלע אויסגערופען אויף
איין קול:

אוי, הייליגע תורה! די פולקאָמענהייט פון שעהנ-
קייט, די גלוסטונג פון אונזערע אויגען, ווי מיר האָ-
בען זיך געבוקט צו דיר אין שוהל און אונזערע קליי-
נע קינדער האָבען דיך געקושט און מיר האָבען דיך
בעעהרט! — ווי אַזוי ביזטו איצט געפאַלען אין די
הענד פון די טמאינע ערלים!

און עס איז געווען ווי די מענער האָבען געהערט די

די „אַלט-ניי" שוהל אין פראָג

Synagoga „Alt Naj" w Pradze

רייד פון די קדושות — האָט זיי אָנגענומען אַ גרוי-
סער אייפער צו גאָט, אונזער גאָט און צו זיין הייליגע
און גלוסטיגע תורה.

האָט זיך דאָרט אָנגערופען איין בחור, וואָס זיין
נאָמען איז ר' דוד דער זוהן פון רבנא ר' מנחם און
ער האָט צו זיי געזאָגט:

מיינע ברידער, צערייסט אייערע קליידער איבער'ן
כבוד התורה!

און זיי האָבען צעריסען זייערע קליידער. און זיי
האָבען אָנגעטראָפען אויף איין קרייצלער אין חדר.
זענען אַלע אויפגעשטאַנען — מענער און פרויען —
און האָבען איהם פערשטיינערט ביז ער איז געשטאָר-
בען.

און ווי די שטעדטישע און די קרייצלער האָבען גע-
זעהן, אַז דער קרייצלער איז געשטאָרבען האָבען זיי
מלחמה געהאַלטען מיט זיי (מיט די יודען) און זיי
זענען אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן דאַך פון דער שטוב,
וואו די יודען האָבען זיך געפונען און זיי האָבען צע-
בראָכען דעם דאַך און צו זיי געשאָסען מיט פיילען
און פערוואָרפען מיט שטיינער און זיי צעשטאָכען —
ביז זיי האָבען פון זיי אַ סוף געמאַכט.

***

...דער חסיד ר' יצחק האָט אונטערגעצונדען די
שוהל און אָנצעצונדען דאָס פייער אין אַלע טהירען.
און דער חסיד איז געגאַנגען אינים פייער פון ווינ-
קעל צו ווינקעל און אויסגעשפרייט די הענד צום
פאָטער אין הימעל און ער האָט געבעטען צו גאָט
אַרויס פונים פייער מיט אַ הויכער און אָנגענעהמער

שוהל אין שאווקייני (ליטא)

Synagoga w Szawkajni (Litwa)

שטים. האָבען די פיינד צו איהם געשריגען דורכ'ן
פענסטער: רשע! געה אַרויס פון פייער — וועסטו נאָך
קאָנען אָבגעראַטעוועט ווערען. און זיי האָבען איהם
דערלאַנגט אַ שטאַנג, כדי איהם אַרויסצוציהען פון
פייער און דער צדיק האָט דאָס נישט געוואָלט און
איז דאָרט פערברענט געוואָרען...

*
**

...אין יענער צייט האָבען די יודען פון דער קהלה
טריעב גענומען זייערע ספרי-תורהיס און בעהאַלטען
זיי אין אַ שטאַרק הויז. און ווען די פיינד זענען דאָס
דערגאַנגען, זענען זיי דאָרט אַוועק, אויפגעבראָכען
פון דער הויך דעם דאַך און זיי האָבען אַראָבגענומען
אַלע מענטעלעך און דאָס גאַנצע זילבער פון די „עץ-
החיימים" און זיי האָבען געוואָרפען די ספרי-תורהיס
אויף דריערד, זיי צעריסען און צעטרעטען מיט די
פיס... האָבען זיי (די יודען) גענומען מיט זיך שרים
און קנעכט פון בישאָפים הויף און זיי האָבען זיך
מוסר-נפש געווען און זיי זענען אַהינגעגאַנגען. און
זיי האָבען געשריגען מיט פערביטערטע נשמות:
„זעה גאָט און קוק אויף מיין פיין, ווי גרויס עס איז
געוואָרען דער פיינד!" (איכה א' א') און זיי האָבען
גענומען די ספרי-תורהיס, זיי אויפגעהויבען פון דער
ערד און זיי געקושט און מיט זיי אנטלאָפען אינים
פאַלאַץ (פון בישאָף).

(ר' שלמה בר' שמעון)

*
**

דיין ליבלינג, די תורה, איז אַ צעריסענע און פער-
ברענטע. אַ צעטראָטענע און מיט בלוט פערפלייצ-
טע — גאָטס וואָרט, דאָס געלייטערטע. גאָט, פער-
שווייג נישט!

*
**

...דו גאָט, דער אַלמעכטיגער! ווילסטו זיך נישט
דערבאַרעמען איבער דעם פערגאָסענעם בלוט פון
דיינע קינדער — זעה ווי דיין הייליגע תורה ווערט
אין שמוץ מיט די פיס געטרעטען און יענע שפּאָטען
און לאַכען: וואו איז ער, זייער קיניגליכער בעשיצער
און אויסלייזער?

פון דער קינה „אמרר בבכי"

*
**

... די יריעות פון די ספרי-תורהיס האָבען זיי אויף
שטאַנגען אויסגעשפּרייט אַלס געצעלט און פון זיי
געמאַכט שיך פאַר די פיס פון מצורעים — דערויף
וויין איך און מיינע אויגען גיסען טרעהרען ווי טייכען.

פון דער קינה „הרג רב"

ווען די קרייצלער זענען געקומען קיין ירושלים האָבען זיי דריי און צוואנציג טאָג אין תמוז תתנ"ט פערשלעפט אַלע יודען אין דער שוהל און אונטערגע-צונדען מיט זיי די שוהל.

אין די צייטען פון די ווייטערדיגע קרייץ-צוגען

(תתק"ו — 1146).

בלאָטע האָבען זיי געמאַכט פון דער תורת-משה און פון תלמוד פון רבינא און רב אשי —

צי ווערסטו זיך איינהאַלטען (גאָט) און אויך אויף דעם שווייגען?

פּאַרמעטען האָבען זיי מיט דער שווערד צעשניטען און די הייליגע אותיות זענען אַרויסגעפלויגען. איבער גאָט'ס שריפט, וואָס איז געווען אויסגעקריצט אויף די לוחות האָט דער פיינט מיט געוועהר געטרעטען...

פון אַ פּיוט פון אַ מחבר ר' יצחק.

ווער איז נאָך אַזאַ שווייגנדער ווי דו, גאָט! האָסט זיך איינגעהאַלטען, זעהענדיג ווי גוים ווילדע-ווען אין דיין היכל — און דו שווייגסט!

רבנו מנחם בר' יעקב

אין שפּייער... אדר תתקנ"ו.

און די פיינד האָבען אַריינגעוואָרפען די ספרי-תורה'ס אין וואַסער און די שוהל פערברענט אין שפּייער...

ר' אפרים מבונא

זעה גאָט! גוים זענען געקומען אין דיין אַרב און צעשטערט די הייזער פון דיינע קנעכט, דיינע רוה-הייזער, זיי האָבען צעשניטען דיינע ספרי-תורה'ס און געשאָלטען דיין נאָמען און „ווער עס שעלט גאָט'ס נאָמען ווערט געטייט" — האָסטו דאָך געזאָגט אין דיין תורה!

אַלמעכטיגער! אויב דו פערהוילסט זיך פון צו זעהן דאָס פערגאָסענע בלוט פון דיינע קינדער — זעה דיין תורה, וואָס זיי טרעטען אוים מיט זייערע פיס אין ליים און זיי זאָגען: „וואו איז זייער קעניג, זייער בע-שיצער און אויסלייזער? זאָל ער קומען און זיי בע-שירמען, ווייל זיי האָבען דאָך אין איהם געלעגט זייער האָפנונג!"

פון אַ סליחה

„דיינע שוהלען, וואָס זענען אַ „מקדש מעט" האָבען זיי צעשטערט אין זייער גאווה. די תורה, וואָס איז טייערער פון פּנינים האָבען זיי פערברענט און צעריסען אין זייער גרימצאָרען. זיי האָבען איהר צעטרעטען און אויסגעשמירט ווי מיסט אויף די גאַסען. אין דיינע זאַמעל-הייזער האָבען זיי אַריינגע-שטעלט זייערע געטער.

ר' שמואל בר' אברהם הלוי

.. און עס איז פערברענט געוואָרען אונזער גאָטיס תורה אינים יאָהר פינף טויזענד און פיר צו דער וועלט-בעשאפונג (1240), פרייטאָג פרשת חוקת. פיר און צוואנציג וועגענער פול מיט ספרים פון תל-מוד, הלכות און אגדות (זענען פערברענט געוואָרען) אין פראַנקרייך... און פון דעמאָלט אָן האָבען יחידים אויף זיך מקבל געווען צו פאַסטען יעדעס יאָהר פריי-טאָג פרשת חוקת...

ר' צדקיה: „שבלי הלקט"

(דאָס איז געשעהן צוליעב דער מלשינות פון משומד ניקאָליי דונין פון פאַריז, וואָס האָט גע-מסרט פאַרן קעניג, אַז אינים תלמוד געפינען זיך שטעלען, וואָס זענען געגען צניעות, געגען דער מאָראל, און געגען קריסטליכען דערלייזער — האָט דער קעניג געהייסען צוזאַמענעמען אַלע תלמוד-ספרים פון פאַריז און זיי פערברענען. האָט מען צו-נויפגעזאַמעלט פיר און צוואנציג וועגענער גמרא'ס און פערברענט).

דריי משומדים און איינער פון זיי האָט זיך גערו-פען שלמה רומאַנאָ האָבען פערמסרט דעם תלמוד פאַרן פויבסט יוליוס דעם דריטען, אַז דער תלמוד זידעלט דאָס קריסטענטום. איז אַרויס אַ געזעץ, דעם



אינערליכער אויסזעהן פון דער שוהל אין פלאָרענץ

צווייטע אויגוסט 1553, צו פערברענען דעם תלמוד. אום ראש-השנה, שי"ב, איז דער תלמוד פערברענט געוואָרען אין רוים און שפעטער איז ער פערברענט געוואָרען אין אַנדערע איטאַליענישע שטעדט און אין ווענעדיג. צעהנער טויזענדער ספרים פון תלמוד זע-נען דעמאָלט פערברענט געוואָרען.

עמק הבכה

אינים יאָהר 1553 איז אַרויס אַ גזירה אין האָ-לאַנד צו פערברענען דעם תלמוד. העכער צעהן טוי-זענד גמרא'ס זענען דעמאָלט פערברענט געוואָרען. די סיבה פון פערברענען דעם תלמוד איז געווען אַ מסירה פון משומד וויטאָריאָ אַליאַנאָ.

אויך די פויבסטען גריגאָרי דער דרייצעהנטער (1575—85) און קלעמענס דער אַכטער (1593) האָ-בען אַרויסגעגעבען גזירות צו פערברענען די הייליגע ספרים פון תלמוד.

,,עס זענען געקומען פאַר אונז די יודען לייזער פון בוסק, חיים קאַפּיטשינסקי און נאָך פון די געג-נער פון תלמוד (— פראַנקיסטען) אין דער בעגליי-טונג פון אַ שליח פון געריכט, אַ גלח — און זיי בע-זיצען אַ אורטייל, וואָס עס האָבען אַרויסגעגעבען די בישאָפען, מיטין בישאָף מיקאַליי דעמבאָווסקי אין דער שפּיץ — און מיט זיי זענען אויך געקומען די אָנהענגער פון תלמוד לייב מיכאַליעוועטש, וואָלף אַב-ראַמאָוויטש און אַנדערע — און זיי האָבען פאַר אונז געבראַכט זייער אורטייל, וועלכער איז שוין אויסגע-פערטיגט און גע'משפט געוואָרען דורך גלחים און איצט איז ער אונז איבערגעגעבען געוואָרען אויסצו-פיהרען איהם, צו פערברענען עפענטליך דעם תלמוד, ווייל די גלחים האָבען אין איהם געפונען אומווערדי-גע זאַכען... האָבען מיר נישט געלעגט קיין אַכט אויף דעם פערקלאָגען זיך פון די גלויביגע יודען און אויף זייערע טענות-ומענות און עס איז אַרויס פון אונז אַ בעפעהל צונויפצוזאַמלען די ספרים פון תלמוד און זיי צו פערברענען פאַר אַלעמענס אויגען".

אורטייל פון שטאָדט-געריכט פון קאַ-מיעניעץ-פּאָדאָלסק פון 18 אָקטאָבער 1757.

(דאָס איז פאָרגעקומען נאָך די מסירות פון די מסירות פון די פראַנקיסטען אויפין תלמוד).

אין פינסטערן מיטעלאַלטער

זיי האָבען צעטרעטען הייליגקייטען מיט די תורה'ס, זיי האָבען זיי געגעבען אויפצו-פרעסען דאָס פייער.

ר' יקיר בחבי שמואל

(אין די צייטען פון די עלילות-דמין אין דריי-צעהנטען יאָהרהונדערט).

ווירצבורג...

די שוהל, אין וועלכער יודען האָבען געדאַווענט

אין דער פריה און אין אָווענד האָבען זיי אַריינגע-

בראַכט זייערע צלמים...

ר' אברהם הלוי

ברעגצאָ... סאַזוואָיאַ (פראַנקרייך)...

די בעליידיגער האָבען געשריגען אין דיין היכל,

דיין תורה האָבען זיי פערברענט.

ר' שלמה בן יוסף.

(אין די צייטען פון דער האַסטיע-גזירות אין סוף

פון דרייצעהנטען יאָהרהונדערט).

שוהלען, געבויט וואונדערליך האָט מען פער-

וואַנדעלט אין צלמים-הייזער.

די זאַמעל-הייזער פון מיין בעשעפער האָבען די

גויים פערברענט. צעשטערט איז געוואָרען די

פרייד פון מיין ליד. פערמעהרט זענען געוואָרען דיי-

נע אבלים.

אויך אין די ספרי-תורה'ס, שעהנע און טייערע,

האָבען זיי אויסגעמעקט דיינע ווערטער.

אין זיי האָבען זיי געצייכענט זייערע צלמים און

טייל פון זיי האָבען געלאַטעט זייערע שיך פון דיינע

פּאַרמעטען.

ר' עקיבא בן ר' אליעזר

(אין די צייטען פון דער „פאַסטוכען-גזירה"

1320).

פראָג...

זיי האָבען זיך אַריינגעריסען אין דער אַלטער

און נייער שוהל. איך וועל שרייען ביטער און מיט

אַ שוואַך קול: ווייל זיי האָבען געשענדעט, פערברענט

און צעריסען די הייליגע ספרים — די תורה, וואָס

משה האָט אונז איבערגעגעבען אַ ירושה.

ר' אביגדור בר' יצחק.

(אין די צייטען פון די הוסיטען).

די שכינה רוהט שוין נישט מעהר אויף דריערד.

אין די יודישע שוהלען.

מען ענטפערט שוין נישט מעהר „קדיש" און

„ברכו".

די שוהלען זענען חרוב ומוחרב.

פון אַ אַלטער קינה

(אין די צייטען פון דער שוואַרצער מגפה).

דעם 6-טען יוני 1391 איז דער המון אָנגעפאַלען

אויף דעם יודישען ישוב. אין סעווילען, קאָרדאָוואַ

און אַנדערע שטעדט, אויסגעיהרגעט טויזענדער יו-

דען, פערברענט זייערע הייזער און די שוהלען פער-

וואַנדעלט אין קירכעס.

(אין שפּאַניע, אינים יאָהר 1391).

„פיל יודען וואוינען ביי דער הויפּט-קירכע פון דער שטאָדט. זייער שכנות איז אַ טומאה און אַ חלול-הקודש. און עס איז אַ גרויסע חרפּה פאַרן קריסטענ-טום, אַז די יודען ריכטען אָב זייערע תּפילות אין אזאַ נאָהנט אָרט צו דער קירכע, ווייל דער טומעל, וואָס יודען הויבען-אויף ביי זייער דאַווענען, שטערט די קריסטען ביי זייער געבעט... דערום דאַרף מען נישט נאָר דערווייטערען די יודען און זייער שוהל פון דער קירכע, נאָר זיי אָבטיילען און פערשליסען אין אַ בע-זונדערען טייל פון דער שטאָדט...

פון די „יודען געזעצען" פון פראַנקפורט אַם-מיין פון 1460.

אין דער נייער צייט

„און ער דער משומד (יוסף מאָראָ) איז געגאַנ-גען אין אַלע ראָמאַנישע שטעדט, וואו יודען וואוינען און ער איז געקומען אין זייערע שוהלען... און ער האָט אויפגעהויבען דעם צלם און ער האָט געפּרע-דיגט פאַר זיי. און עס איז געווען אין דעם יאָהר שי"ט פון אלף החמשי (1559) און ער איז געגאַנ-גען מיט זיין גרויס רשעות אין דער שוהל אין ריקאַנ-טי און אַריינגעשטעלט אַ צלם אין אָרון-קודש אום יום-כפור"...

„עמק הבכה"

אינים יאָהר פינף טויזענד דריי הונדערט און זיבעצעהן (1556) האָט פּאָול קאַרפאַ דעינאַפּאָלי פּאַפּאַ (פּויבסט פּאַול דער פירטער) אַרויסגעגעבען אַ בולא אויף די יודען פון זיין מלכות, אַז פון יעדער שוהל זאָל מען אָבצאָהלען צעהן דוקאַטען פאַר דעם הויז אין רוים, וואו עס געפינען זיך די יודען, וועלכע ווילען זיך שמדין... און אין איין שטאָדט זאָל זיך נישט געפינען מעהר ווי איין שוהל"...

שלשלת הקבלה

אינים יאָהר 1554 האָט מען אין פּראָג קאָנפיס-קירט אַלע יודישע ספרים און מאַנוסקריפּטע און זיי אַוועקגעשיקט קיין וויען.

פון די גזירות ת"ח ות"ט

... און ספרי-תורה'ס האָבען זיי צעריסען אויף שטיקער און געמאַכט פון זיי זעק און שיך צו זייערע פיס און רציעות פון תפלין האָבען זיי גענומען אַרומ-צוּוויקלען מיט זיי זייערע פיס. און די תפילין האָבען זיי געוואָרפען אין אַלע גאַסען און פון די אַנדערע הייליגע ספרים האָבען זיי געמאַכט בריקען איבער די גאַסען. און אַ טייל האָבען זיי גענומען צו פערשטע-קען די פולווער-רעהרען..."

די ספרי-תורה'ס, די אורים-ותומים'ס, האָבען זיי געטרעטען און פערברענט צוזאַמען מיט די נפשות

פון די קדושים.

ר' שבתי הכהן

זיי האָבן צעפּעסן יעקבין און זיין וואוי-נונג — די שוהלען און הייליגע בתי-מדרשים — פּער-וויסט. זיי האָבן צעריסן און צעשניטן גאָטס שלמותידיגע תורה.

פון לעמבערגער פּנקס

(וועגן אַ פּאָגראָם אין לעמבערג אין יאָהר תכ"ד — 1664).

... דערנאָך האָט אונז געטראָפן גאָטס האַנד, ווען עס האָבן זיך געשטאַרקט איבער אונז די פיינד אונזערע. פרייטאָג, פינף טאָג פון חודש אב, אין די בין-המצרים, זענען געקומען אַ פּאָר טויזענד יונגען מיט אויסגעשטרעקטע שווערדען, אין אונזערע גאַסען און זיי האָבן געיגזליט און גערויבט און געוואַלדע-וועט אין די שוהלען און זיי האָבן גענומען און אַוועקגעיגזליט פון דאָרט די גלוסטונג פון אונזערע אויגען... די הייליגע ספרי-תורהים זענען צעריסען געוואָרען צוליעב אונזערע זינד. זייער שעהנקייט איז פערשוועכט געוואָרען מיט דער ערד צוגלייך...

קונטרס מנהגי פּויזען

קוק גאָט און זעה אונזערע וויסטענישען. נעהם אין דיין לאָגעל אונזערע טרעהרען, וואָס אונזערע אויגען גיסען איבערן פערברענטע די הויכע שוהל, דער „מקדש מעט". און איבער דעם חורבן פון בית-המדרש, דאָס רוה-אָרט פון אונזער כבוד. דו גאָט, דו זאָלסט צוריקקעהרען די קרוין צו איהר אַמאָליג-קייט, וואָס זאָל אויפגעבויט ווערען ביז משיח וועט קומען. ר' יעקב בן ר' יצחק

(וועגן אַ פּאָגראָם אין פּויזען אינים יאָהר תע"ו).

די ליידן פון אונזערע תפלות

דער שפּאַנישער קעניג, זשואַן דער ערשטער, האָט אין 1380 אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל פון די יודישע תפילות בעזייטיגען די כלומרישטע בעליי-דיגונגען געגען קריסטענטום.

אינים יאָהר 1399 איז אויפגעשטאַנען אין פּראָג אַ משומד מיט'ן נאָמען פּעטער און האָט אויסגע-טראַכטטראַכט אַ בלבול, אַז אין דער תפלה „עלינו לשבח" געפינען זיך בעליידיגונגען געגען קריסטענ-טום. מען האָט דערפאַר אַרעסטירט פיל פּראָגער יודען. זיבען און זיבעציג מאַן האָט מען אַרעסטירט און דריי פון זיי האָט מען פערברענט לעבעדיגערהייד. אינ 1771 האָט פּראָפ. קיפקע דערלאַנגט אַ אָנקלאַגע צו דער מאַכט, אַז מען זאָל נישט דערלויבען צו זאָגען „עלינו לשבח" די קעניגסבערגער יודען.

און פיל, פיל בלבולים האָבן די שונאים אויס-געטראַכט אויף „כל-נדריי".

„צוועלף אַזייגער בייטאָג איז די לופט מיטאַמאָל פערהילכט געוואָרען פון געשרייען, פון פייפייעריי, געבילעריי און ווילדען געלעכטער. א גרויסע מאַסע יונגוואַרג, מייסטערס און אַרבייטער, איז געגאַנגען. די גאַנצע גאַס איז פערפלייצט געוואָרען פון כולי-גאַנעס... איניגיכען האָט זיך דער המון געוואָרפען אויף די שוהל. און נישט געקוקט אויף די פעסטע פרענטעס, לאָדענס און שלעסער, האָט מען זי אין דער מינוט צעטראָגען אויף פיצלעך. מען האָט בע-דאַרפט זעהן מיט וואָס פאַר אַ מין צעיושעטקייט די כוליגאַנעס האָבען זיך געוואָרפען אויף די ספרי-תורהים, וואָס האָבען זיך געפונען אין שוהל זעהר פיל. מען האָט געריסען די ספרי-תורהים אויף פיצ-לעך, געטרעטען זיי אין בלאָטע און פערניכטעט.

יעווריעיסקאַיאַ ליעטאָפּיס I

(פון אַ עד-ראיה וועגען קיעווער פאָגראָם אין 1881)

דער פאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבען (דעם 7-טען יוני, אָווענד) פון יודישען בית-המדרש, וואָס איז פול געווען מיט מתפללים".

פון אַ בעריכט פון ניזשני-נאָוואָ-גראָדער פאָגראָם אין 1884

אין 1897 זענען אין די טשעכישע שטעדט נאַ-כאָד, מעלניק א. א. פאָרגעקומען פאָגראָמען צוליעב דעם טשעכיש-דייטשען קאָנפליקט, וואו מען האָט גע-שענדעט יודישע שוהלען און בתי-מדרשים.

שיכורע באַנדעס האָבען זיך אַריינגעריסען אין שוהלען און געריסען אויף שטיקער, געטרעטען מיט און פעראומריינייגט ספר-תורהים. אין איין בית-המדרש- האָט אַן אַלטער שמש, איינגעהילט אין טלית, מיט זיין ברוסט פערשטעלט דעם ארון-קודש פון די פעראומריינייגער — האָט מען איהם ביי דער טהיר דעריהרגיעט.

פון דער קישינעווער שחיטה אין 1903

*
**

אין דעם לאַנגען מאַרטירער-גאַנג פון די יודישע היליגטימער שליסט זיך אָן דער שוואַרצער דאָנערש-טאָג, דער צעהנטער נאָוועמבער 1938, ט"ז מרחשון ה' תרצ"ט, ווען די נאַציס אין דייטשלאַנד און עסט-רייך האָבען פערברענט הונדערטער שוהלען כלומרשט דערפאַר, וואָס אַ יודישער יונגעל, הערשעל גרינשפאַן, האָט מיט עטליכע טעג פריהער דערשאָסען אין פאַריז אַ בעאַמטען פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע.

עפעס פון די גזרות תרצ"ט ווערט דערציילט אין דעם בוך. און פיל מעהר איז דאָ נישט דערציילט גע-וואָרען.

אַ פּאָר פּרטים, וואָס האָבען נישט קיין ענליכ-
קייט אין דער רייכער מערקווירדיגער געשיכטע פון די יו-
דישע הייליגטימער.

אַ רב אין ווינען האָט מען געצווינגען אַריינצוואַרפען
אַ ספר-תורה אינ'ם דונאַי.

יודישע קינדער האָט מען געצווינגען צו גיסען נאַפט
אויף אַ ספר-תורה און אונטערצינדען צום אייער.

אין בערלין האָט מען געמאַכט אויף צעריסענע
יריעות פון די ספר-תורה'ס אַ „פּפּוייען-טאַנץ"...

— — — — — — — — —

איז הערשט דער טרערען-לאַגעל פון די יודישע
הייליגטימער נאָכנישט פערפולט געוואָרען?

יצחק אַריגור

די געשיכטע פון דער שוהל

אפילו דעמאָלט, ווען דער בית-ראשון איז נאָך גע-
שטאַנען האָבען, זיך געפונען פיעל הייליגע פערזאַ-
מעל-ערטער. אין זיי האָבען יודען זיך פערזאַמעלט
און זיך מיחד-געווען מיט כביכול. אין זיי האָט מען



די שוהל אין רוים

געשקלאָגט און געוויינט. צפניה הנביא האָט זיין נביאות געשילדערט פון דער שוהל-בימה (פסיקתא רבתי כ"ו). פון דאָרט האָט ער אויסגעגאָסען זיין צאָרן אויף די שלעכטע און זינדיגע מענשען און אויף דער גאַנצער וועלט. און ירמיהו הנביא, דער גרויסער מקונן איז אַרומגעגאַנגען איבער די ירושלים'ער גאַסען און מיט צער און צאָרן גערופען אויף די כשדים: „און דעם מלכ'ס הויז און דאָס פאָלקס-הויז האָבען די כשדים פערברענט אין פייער (ירמיהו ל"ט).

(רש"י (דאָרט) פערטייטשט: פאָלקס-הויז: שוהל. די חכמים האָבען אפילו פעראיבעל געהאַט אויף דעם המן, וואָס הופט די שוהל פאָלקס-הויז (שבת, ל"ב) — אָבער דאָס פאָלק האָט טיף-אינסטיקטיוו געפיהלט, אַז די שוהל איז זיין פאָלקס-הויז. אַזוי האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין דער טיפעניש פון זיין נשמה).

אָבער די שוהל אַלס אינסטיטוציע איז ענטשטאַנען ערשט מיט'ן חורבן פון בית-ראשון. די שוהל ווערט דעמאָלט פערצייכנט אַלס „מקדש-מעט" (יחזקאל י"א, ט"ז). אַ מעין פון דער בעציהונג צום בית-המקדש האָט דאָס פאָלק בעקומען צו דער שוהל. פון בית-המקדש ביז צו דער שוהל איז געווען אַ אונטערשיד גאָר אין גאָט. אָבער דאָס הארציגע געפיהל איז געווען דאָך זעלביגע. די גרויסע ליבע צום בית-המקדש האָט אַ מאָל געשלאָגען טיף איטעוועניג, בעגלייט מיט

ברעסלויער שוהל

Synagoga w Wrocławiu

צער און וועהטאג איבער'ן פערלוסט פון זייער פראכט און קרוין פון זייער קאפ.

אויך נאכ'ן אויפבוי פון בית-שני זענען ענטשטא-נען פיעל שוהלען. אומעטום האט מען געפיהלט א נויטווענדיגקייט אין תפלה-בצבור. דאס גאנצע פאלק איז געווען איין תפילה. בעזונדערס אין די שטעדט אויסער ירושלים.

אין די צייטען פון עזרא ונחמיה, בעת דער צוויי-טער שיבת-ציון איז זיך צונויפגעקומען א גרויסע פערזאמלונג פון גדולי היהדות, אויף וועל-כע די תורה איז בעשטימט געוואָרען אלס דער יסוד פון דער אומה און איהר זעלבסטשטענדיגע מאכט. די גאנצע דאזיגע מאכט האט זיך אויסגעדריקט אין גייסטיגען לעבען. דאס פאלק האט זיך דערווייטערט פונ'ם פאליטישען לעבען, מעגליך אז דאס איז גע-שעהן אונטער'ן דרוק פון די פערסער און מעגליך, אז דאס איז געשעהן צוליעב דער איבערצייגונג פון דער נישטיגקייט פון פאליטישען לעבען. דער חורבן-בית-ראשון האט געדיינט א גוטע לעקציע. די דערמאהנטע פערזאמלונג איז מיט דער צייט געוואָרען די „כנסת-הגדולה". דער גרויסער, פערעהרטער בית-דין. דאָרט איז בעשטימט געוואָרען דער סדר פון דער תפלה און עס זענען געשאפען געוואָרען סטאבילע שוהלען. פון דעמאָלט איז אויך געבליבען דער קביעות'דיגער נאָ-מען: „בית הכנסת„ אדער „בי-כנישתא". די שוהל האט אויך געהאט אנדערע נעמען: „מועדי-אל" (תהלים, ע"ד, ח') „קהל חסידים" (דאָרט קמ"ט, א') — אבער אין פאלקס-מויל רופט מען איהר ביז'ן היינטיגען טאג: בית-הכנסת.

פון יענע צייטען אן האט מען מאססענוויז אנגע-הויבען צו בויען שוהלען. אפילו אין ירושלים זענען געווען א מאסע שוהלען. לויט'ן תלמוד (כתובות ק"ח ע"א) זענען דאָרט געווען „דריי הונדערט פיר און ניינציג שוהלען און אזוי פיל בתי-מדרשים און אזוי פיל בתי-סופרים". לויט אנדערע קוועלען איז די צאהל געווען א נאך גרעסערע. אין טבריה אליין זע-נען געווען דרייצעהן שוהלען (ברכות ח') און אזוי אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל.

אין בית-המקדש אין ירושלים האבען בעדינט די כהנים מיט זייער עבודה, די לויים מיט זייער דוכנ'ען און די יודען מיט זייער „מעמד". און די שוהלען האבען דערפילט א גרויסע, דיזיגע אויפגאבע פער-שפרייטענדיג די תורה שבכתב און די תורה שבעל-פה. די שוהל איז געווען די היים פון די סופרים, וועלכע האבען זיך קאנצענטרירט אין די פיר איילען פון הלכה און מסביר און מבאר-געווען תורת-משה פאר גרויס און קליין, אלט און יונג, מאן און פרוי. די שוהל איז אויך געווען א שול פאר קינדער. עס זע-

שוהל אין מינכען



Synagoga w Monachium

נען אין דער שוהל געווען שילען פאר חומש און פאר תלמוד.

אינטערעסאנט, אז נאך אין יענע צייטען זענען געווען שוהלען — „לאנדסמאנשאפטען„. אזוי האבען די יודען פון אלעקסאנדריען (עגיפטען) געהאט א בעזונדערע שוהל (תוספתא, מגילה, פרק ב׳) די בבליים האבען זיך געהאט א בעזונדערע שוהל (ירושלמי שקלים רפ"ז). און נישט בלויז „לאנדסמאנשאפטען" האבען געהאט אייגענע שוהלען, נאר אפילו אויך „קלאסען". אזוי האבען די כהנים געהאט א אייגענע שוהל נעבען דער עזרה.

די שוהל האט אויך דערפילט נאציאנאלע אויפגאבען. די שוהל פון קיסרין, למשל, ווערט אנגערופען „כנישתא דמרדתא", ווייל דארט האט מען זיך בעראטען וועגען דער מרידה געגען רוים (ירושלים, בכורים פ"ג, ירושלמי נזיר פ"ז). די שוהל האט דערום געהייסען: „רעוואלוציע-שוהל".

*
**

די שוהל מיט דעם בית-המקדש זענען ס'רוב געווען צוזאמען. די געבעט-קולות מיט די תורה-קולות פלעגען זיך ס'רוב צונויפמיישען. תורה און תפלה האבען געלעבט דארט הארמאניש. „ואהי להם מקדש מעט בארצות, אשר באו שם — אלה בתי-כנסיות ובתי מדרשים שבבל" (מגילה כ"ט). בית-הכנסת און בית-המדרש ווערען שטענדיג דערמאהנט צוזאמען.

די שוהל איז אבער בעיקר געווען דאס ארט פון חשבון-הנפש צווישען מענש און גאט. „אמרה כנסת-ישראל לפני הקדוש-ברוך-הוא: אני ישנה מבית-המקדש ולבי ער — לבתי-כנסיות ולבתי-מדרשות" (שיר-השירים רבה, ה׳). כביכול איז וואך צו יעדען יוד'ס נשמה-ברהם, וואס קומט פון דער שוהל.

די שוהל איז א פריינד פון יעדען יוד. „כל מי שיש לו בית-כנסת בעירו ואינו נכנס שם להתפלל נקרא שכן רע" (בראשית רבה, ח'). די שוהל איז א פריינד מיט וועלכען מען דארף זיך אפט בעגעגענען, כדי אראבצורעדען פון הארץ.

די שוהל האט אויך געשאפען ברודערשאפט און הארמאניע צווישען די מתפללים. אלע מתפללים זע-נען ווי איין משפחה צו פרייד און צו טרויער.

די שוהל איז אויך געווען דער בית-מדרש פונ'ם יוד. אינדערפריה, צווישען מנחה און מעריב האט דער יוד אויך „אריינגעכאפט" א שטיקעל „עין-יעקב", מדרש, ספרי-מוסר. און אמאל רעדט א מגיד דברי-תורה פון דער בימה. די אויגען פונ'ם יוד זע-נען אין דער שוהל אנדערש געוואָרען...

* * *

אומעטום, וואו יודען זענען פערטריבען געוואָרען איז די שכינה מיט זיי פערטריבען געוואָרען. און זי רוהט דאָרט אויפ'ן כפורת צווישען די כרובים...

ביטער איז דער יודישער גורל אין גלות. ער האט בלויז איין טרייסט:

„ווען יודען קומען אין די שוהלען און בתי-מדרשות און זאָגען „אמן יהא שמיה רבא" — שאָקעלט הקדוש-ברוך-הוא, כביכול, מיט'ן קאָפּ און זאָגט: וואויל איז דעם מלך, וואָס מען לויבט אזוי אין זיין הוים. וואָס איז געווען דעם טאטען, וואָס ער האט פערטריבען זיינע קינדער? און ווי איז צו די קינדער, וואָס זע-נען פערטריבען געוואָרען פון פאטער'ס טיש!".

פראנקפורטער שוהל

Synagoga w Frankfurcie n/M. (1840)

ב. בזרמאַן

די שוהלען אין דייטשלאַנד

בערלינער עלטסטע שוהל

זיבען שוהלען האָט מען פערברענט אין בערלין און די גרעסטע פון זיי איז געשטאַנען אויף דער פאַזאַנען-שטראַסע, געציעהלטע טריט פון קורפירסטענדאַם. מען האָט געהאַרפט זיין אין בערלין און זעהען די דאָזיגע שוהל, זי איז געוועזען דער מאָדערנסטער, דער נייעסטער אויסדרוק פון דעם שטאָלץ פונ'ם הויך-ענטוויקעלטען און טיף פערוואָרצעלטען דייטשישען יודענטום. זי איז בעגאָסען געוואָרען מיט בענזין און אָנגעצונדען געוואָרען.

די גרויסע שוהל אויף דער פאַזאַנען-שטראַסע שטעהט שוין 226 יאָהר. זי איז די ערשטע שוהל אין בערלין. עס איז דעמאָלט געווען א צייט נאָך שווערע פערפאָלגונגען אויף יודען און דער נייער דייטשער קעניג האָט ערלויבט אויפצובויען א יודישע שוהל. מען האָט אויפגעשריבען אויף העברעאיש און דייטש אויף פאַרמעט א דאַנק און א ברכה פאַר'ן רעכט אויפ-צובויען א שוהל.

דער דאַנק און די ברכה לייענט זיך אזוי:

„ווי קינדער פון דעם פאָלק, וואָס איז אייביג; וואָס איז ערשינען אויף דער וועלט פון אייביגקייט אַרויס און וואָס געהט אין אייביגקייט אַריין; וואָס האָט יסו-רים אין בייזע צייטען און ווערט געהיילט פון די יסורים אין ליכטיגע צייטען; וואָס לעבט איבער אַלע בלבולים און אַלע אומזיסטע שטראָף; צי די בלבולים זענען אויף אונזער מאָראַל, צי אויף אונזער לעבען. און צי די שטראָפען זענען פערשטייגערט צו ווערען, געקוילעט צו ווערען אָדער אומצוקומען אין העלישע שריפות; און וואָס דער כח אונזערער איבערצוטראָגען אַלץ ליגט אין אונזער קלאַמערען זיך אין גאָטס תורה און אין אונזער ריינער תפילה; ווי קינדער פון דעם האַרטנעקיגען פאָלק ישראל, פער'עקשנ'ט מיט רחמנות צו פיינד פון ברודערשאַפט אויף דער וועלט, און פער'עקשנ'ט מיט געטרישאַפט צו פריינד פון ברו-

דערשאפט אויף דער וועלט, — פער'חתמ'ענען מיר א דאנק און א בענשונג דא ביי אונזער אויפבויען א הויז פאר דער תורה און פאר תפילה, א דאנק מיט א בענשונג, וואס איז אזוי טיף און עהרליך, ווי עס איז טיף און עהרליך די פריינדשאפט צו אונז"...

א נבואה ליגט אין די ווערטער, וואס זענען מיט 226 יאהר צוריק איינגעגראבען געווארען אונטער'ן פונדאמענט פון דער שוהל, — א נבואה, אז עס קאן אויפשטעהען א צייט ווען אין דייטשלאנד וועלען הערשען „שונאים פון ברודערשאפט".

אז מען וועט נעמען צוגראבען דעם פונדאמענט פון דער פערבערענטער שוהל אויף דער פאזאנען-שטראסע, וועט מען געפינען דאס קופערנע קעסטעלע מיט דעם שרייבט אויפ'ן פארמעט א קאפיע פון דעם דאזיגען דאקומענט געפונט זיך אין די ביבליאטעק-ארכיוען אין לאנדאן און אין ניו-יארק.

די דאזיגע אלטע, היסטארישע שוהל איז בעזונגען געווארען דורך די וועלט-בעריהמטסטע שרייבער, אויך דורך היינריך היינע. זי האט צוגעזעהן דעם גרויסארטיגען אויפשטייג פון די דייטשע יודען, זייער גדלות און רוהם. די מתפללים פון דער שוהל האבען ארויסגעגעבען די שענסטע, גרעסטע און די רוהם-פולסטע מענשען פון איראפא פון אלע געביטען פון דער ציוויליזאציע און קולטור.

נייע שוהל אין עסען

Nowa synagoga w Essen

איצט איז די שוהל אויף פאזאנען-שטראסע שוין מעהר נישטא. עס שטעהען בלויז פערוויכערטע מויע-רען מיט שרעקענדיגע לעכער.

*
**

אין פערברענט האט מען אויך אלע שוהלען אין דער אלטער יודישער קהלה אין פראנקפורט-אם-מיין,

און צווישען זיי האט מען אויך פערברענט די נייע גרויסע שוהל.

חרוב געמאכט האט מען אויך דעם אלטען פראנק-פורטער בית-עולם, דעם זעלבען בית-עולם, אויף

פירטהער שוהל

Synagoga w Fürth (1832)

וועלכען יודען האבען זיך אין אמאליגע צייטען פער-זאמעלט און מיט העק און די הענד זיך פערטיידיגט געגען די אמאליגע, אלטע רוצחים פון פראנקפורט. דער דאזיגער אלטער בית-עולם איז איצט צעפלינ-דערט, צעטראטען, חרוב, פונקט ווי מען האט דאס געמאכט מיט די פארנעהמסטע יודישע הייזער פון פראנקפורט.

* * *

אין דעם שרעקליכען בייזען טאג, ווען 400 שוהלען זענען פערברענט געווארען אין דייטשלאנד, איז דער שטראם פון בעזונגענעם טייך רהיין בעלויכטען גע-ווארען מיט'ן פייער-אבגלאנץ פון דער פלאקענדער אלטער, אלטער שוהל אין קעלן.

די דאזיגע אלטע שוהל איז געשטאנען אויף דער גלאקען-גאסע אין קעלן און זי שטעהט שוין דארטען זעכצעהנהונדערט יאהר. וואס האט נישט די שוהל איבערגעלעבט... געווען פייניגונגען, געווען גירושים, געווען שחיטות, געווען שייטער-הויפענס, און שמייז ביז'ן טויט, און די שוהל האט דאס אלץ איבערגע-לעבט. געווען צייטען, ווען מען האט איהרע ווענד צעשטערט, אבער ווען עס איז אוועק דער שטורם, האט מען אויפ'ן זעלבען ארט זי צוריק אויפגעבויט. די ווענד פון דער אלטער, אלטער שוהל אין קעלן אויף דער לאקען-גאסע זענען א סך מאל שוין צעשטערט

אין פערברענט געוואָרען און יעדעס מאָל צוריק אויפ-
געבויט געוואָרען.

אין דער דאָזיגער קעלנער שוהל האָט מען אין מי-
טעלאַלטער ביי די אינקוויזיציעס געהערט צום ער-
שטען מאָל אַרויסזאָגען די קלאָג-תפילה אויף
מאַרטירער, דעם „אל מלא רחמים", וואָס איז זינט
דעמאָלס געוואָרען אַ יודישער פאָלקס-יאָמער פאַר
אַלע געשטאָרבענע. די תפילה „אל מלא רחמים" איז
געשאַפען געוואָרען צוזאַמען מיט'ן ספר הזכרונות,
אין וועלכען עס זענען אַריינגעשריבען געוואָרען די
נעמען פון אַלע אומגעקומענע אין די שחיטות פון
מיטעל-אַלטער. און צום ערשטען מאָל האָט מען די
תפילה אָבגעריכט אין דער אַלטער שוהל אין קעלן.

זי איז מעהר נישטאָ, די שוהל, זי איז אַוועק אין
פייער.

אין דער קעלנער שוהל אויף דער מזרח-וואַנד איז
איינגעמויערט געווען אַ מאַרמאָרענער טאַוועל מיט
מאָראַלע לעהרען. אָט זענען עטליכע פון זיי:

נישטאָ קיין גרעסערער קרבן, ווי אַ צובראָכען האַרץ
און נישטאָ קיין שענערע זיטליכקייט ווי צו זיין שע-
מעוודיג.

נישטאָ קיין מעהר הערליכערע קרוין ווי בעשיידענ-
הייט, און וואויל איז דעם, וואָס פרעהט זיך מיט'ן
צווייטענס גליק!

שטאָלציר נישט מיט דיין רייכקייט אנטקעגען דיין
אָרימען ברודער!

קעלן האָט דאָס געפאָלגט.

די פערברענטע שוהל אין קעלן איז זיכער נישט
דער לעצטער אקט פון יודישען לעבען אין קעלן.

אַלטע שוהל פון לייפציג



Stara synagoga w Lipsku, drzeworyt z r. 1850.

נירענבערגער-סינאַגאָגע



Synagoga w Norymbergu (1755)

הרב דר. ג. הורוויץ

די ספרד׳ישע שוהל אַין ווין

פון די פיל שעהנע יודישע טעמפעל-בנינים, וואָס געפינען זיך אין דער „לעאָפּאָלדשטאַדט" — אזוי רופט מען דאָס צווייטע בעצירק אין ווין — איז דער שענסטער דער ספרד׳ישער, אָדער ווי מ׳רופט איהם, דער „טערקישער טעמפעל", וואָס דערהויבט זיך מיט זיין וואונדערשעהנער קאָפּול איבער אַלע בנינים אין דער צירקוסגאַס.

אַהינצו האָט עס געצויגען יעדען יודישען טוריסט, וועלכער האָט נור די מעגליכקייט געהאַט צו בעזוכען די שעהנע שטאָדט ווין. ספּעציעל איז דער טעמפעל דאָס אָנציהונגס-אָרט פאַר יודישע און נישט-יודישע קינסטלער און מאָלער, וועלכע שטראָמען אַהין צו זעטיגען דאָס נייגעריג קינסטלערישע אויג מיט דעם וואונדערבאַרען איינגענאַרטיגען כליל-יופי׳דיגען בנין, וואָס איז אַ געמיש פון מויערישען און גאָטישען בוי-סטיל.

עס איז אויך פאַראַן איין טאָג אין יאָהר, וואָס אין איהם שטראָמען אַהין הונדערטער יודען פון גאַנץ ווין. דער טאָג איז שמחת תורה. דעמאָלס קומען נישט נור די קינסטלער, נאָר „עמך" — יודען פון אַלע שאַ-טירונגען קומען זיך צוקוקען צו די אָריענטאַלישע טענץ און ביז פערוואונדערונג אַרויסרופענדיגע מנה-גים.

*
**

די ספרדישע יודען זענען אָנגעקומען נאָכ׳ן גירוש-שפּאַניען איבער גריכענלאַנד און טערקיי קיין ווין. זיי האָבען זיך תיכף אָבגעזונדערט פון אַלע אַנדערע יודען און געבויט אַנ׳איינענעם טעמפעל — נישט דעם איצ-טיגען, דען פאַר דעם טעמפעל איז שוין געווען אַנ׳-אַנדער — כדי איינצוהאַלטען דעם ספרדישען נוסח התפלה און די ספרדישע מנהגים.

אין משך פון די הונדערטער יאָהרען זענען אין ווין

פאַרגעקומען פּיעל יודען-פערפאָלגונגען, געגנג גזירות און גירושים האָט דאָס עסטרייכישע יודענטום מיטגעמאַכט, אָבער די ספרדים האָבען גאָרנישט געליטען דערפון. זיי זענען אויך אין די אויגען פון די יודישע ישובאים פערוואַנדעלט געוואָרען אין שפּאַניאָלישע מיוחסים, וועלכע האָבען מיט דער ווינער קהלה קיין שייכות נישט געהאַט, ממילא איז אויף זיי נישט חל געווען די גזירות.

אין יאָהר 1670, אין דער צייט, ווען ס'האָט רעגירט לעאָפּאָלד דער ערשטער, איז געקומען אויף די ווינער יודען אַ גרויס אומגליק. די פרומע שפּאַניערין, די קעניגין מאַרגאַריטא, האָט אין דעם יאָהר געבוירען אַ טויט קינד. די גלחים האָבען די קעניגין, וועלכע האָט אַזוי אויך געטראָגען אויף די יודען אַ גרויסען האַס, נאָכמעהר צערייצט און זי צוגערעדט איבערצובעטען דעם צאָרן פון גאָט מיט אַ הייליגער טאַט, מיט דעם יודען-גירוש פון ווין.

איהר מאַן לעאָפּאָלד האָט ערפילט איהר באַגעהר און אין אַ פּאָר חדשים האָבען אַלע יודען געמוזט פערלאָזען דאָס עסטרייכישע הערצאָגטום. אומזיסט זענען געווען די אַלע בקשות און די גרויסע סומען געלד, וואָס די יודען האָבען פאָרגעשלאָגען דעם קעניג. די גזירה איז געבליבען אין קראַפט און אַלע יודען האָבען געמוזט פערלאָזען ווין און אַלע שוהלען זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין קלויסטערס.

יאָ, אַלע ווינער יודען זענען אין גלות געגאַנגען, אַלע שוהלען זענען אין קלויסטערס פערוואַנדעלט געוואָרען, נאָר אויף די ספרדים מיט זייער טעמפּעל איז נישט חל געווען די גזירה. זיי זענען געבליבען די מיוחסים, וועלכע ווערען נישט פערעכענט צום „יודען-בענגעל”.

הגם די אמת'ע סבה, פאַרוואָס די ספרדים זענען דעמאָלס נישט פערטריבען געוואָרען איז געווען, וואָס די עסטרייכישע רעגירונג האָט געלעבט בשלום מיט דער טערקישער רעגירונג, ביי וועלכער די רייכע ספרדים פון דער טערקיי האָבען געהאַט אַ גרויסע השפעה און זיי האָבען אונטערגענומען די נויטיגע אינטערווענץ פאַר זייערע ברידער, די ספרדים פון ווין. פונדעסטוועגען האָבען די ווינער ספרדים געהאַלטען, אַז זיי אַליין האָבען זיך עס פערדינט, ווייל זיי זענען גאַנץ אַנדערע יודען, וואָס האָבען מיט די איבעריגע יודען קיין שייכות נישט. זייט דעם אויבען-דערמאָהנטען גירוש פון ווין האָבען זיך די ספרדים נאָכמעהר אָבגעזונדערט פון אַלע אַנדערע נישט-שפּאַניאָלישע יודען, וועלכע זיי האַלטען פאַר אַ מין אספסוף אָדער ערב-רב.

זיי האָבען דעריבער אין'ם ספרדישען טעמפּעל איינגעצאָהלט אויך אַ שולע בלויז פאַר ספרדישע

קינדער, וועלכע פלעגן דאָרט בעקומען אַנ'אייגענאַרטיגע ספרדישער ערציהונג, זיי זאָלען חס-וחלילה זיך נישט אויסמישען מיט אַנדערע יודען. זיי האָבען זיך אויך נישט משדך געווען מיט אַנדערע יודען. אַזוי אַרום איז זיי געלונגען אין משך פון אַ פּאָר הונדערט יאָהר זיין אין ווין, צו דערהאַלטען דעם יודיש-שפּאַניאָלישען פיזיאָגנאָמיע-טיפּ, וואָס לאָזט זיך תיכף דערקענען דורכ'ן שמאָלען שטערען און לאַנגע אויסגעשרומטע נאָז.

*
**

דער יחוס פון די ספרדים און זייער טעמפּעל האָט אָנגעהאַלטען ביז צום „אַנשלוס". נאָכ'ן אַנשלוס איז עס קלאָר געוואָרען פאַר די ספרדים, אַז זיי וועלען מעהר נישט קענען זיין קיין „פּריווילעגירטע טערקען" און אַז עס ערוואַרט זיי און זייער טעמפּעל דער זעלבער גורל, וואָס אַלע אַנדערע יודען.

שוין אין די ערשטע וואָכען נאָכ'ן דייטשען איינמאַרש קיין ווין, האָבען די ספרדים זיך בעמיהט אַרויסצובעקומען פונ'ם גאַו-לייטער בירקעל אַנ'ערלויבניש אויף אַריבערפיהרען די כלי-קודש, גאָלד און זילבער פונ'ם רייכען טערקישען טעמפּעל, צו דער ספרדישער קהלה קיין ירושלים. לײדער האָבען זיי אַזאַ ערלויבניש נישט בעקומען מיט דער בעגרינדונג, אַז וואָס עס וועט געשעהן מיט די טעמפּלען און כלי-קודש פון אַנדערע יודען, וועט מיט זיי אויך געשעהן.

און די הבטחה האָט זיך טאַקע בעשטעטיגט. אינ'ם טאָג, ווען ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן די אונטערצינדונג, ט"ז מרחשון התרצ"ט, און פערניכטונג פון די שוהלען, איז אויך דער ספרדישער טעמפּעל גלייך מיט אַלע אַנדערע טעמפּלען אויסגעפּלינדערט און חרוב געוואָרען.

*
**

די לעגענדע דערצעהלט: ווען די יודען האָבען דערזעהן, אַז די פייער-פלאַמען האָבען אַרומגעכאַפּט די בית-המקדש-וואַנט, זענען זיי אַלע אַהין געלאָפען און האָבען אַרויסגענומען איבערבלייבענישען פון די וואַנט, און מיט זיך מיטגענומען אָבגעפאַלענע פערברענטע שטיינער. אָט די דאָזיגע שטיינער האָבען זיי מיט זיך מיטגעשלעפּט און זיי שפּעטער צעמענטירט אין באָדען אַלס יסוד פאַר די בתי-כנסיות. היינט האָט מען ביי דער פערניכטונג און פערברענונג פון די שוהלען אונז גאָרנישט געלאָזט מיטנעהמען. אָבער איינס קאָנען מיר מיט זיך טראָגען: דאָס הייליגע פייער פון די פערברענטע ספרי-תורות און שוהלען און מיט דעם אש-דת געהן אַהין, פונוואַנען מיר זענען אַרויס און אויפבויען דעם אייביגען בית-המקדש של אש.

אַ. י. גליק

די רש״י־שוּהל אין וואָרמס

איינע פון די עלטסטע און בעדייטענדסטע יודישע קהלות אין דייטשלאַנד איז וואָרמס (ווירמייזא).

גאָר אַלט איז די געשיכטע פון יודישען וואָרמס. לויט אַ לעגענדע, זאָלען זיך שוין האָבען געפונען יודען אין וואָרמס נאָך אין דער צייט פון גלות בבל. די לעגענדע דערצעהלט, אַז נאָכ׳ן גלות-בבל, ווען מען האָט אָנגעהויבען צוריק אויפבויען דאָס בית-המקדש, איז צעוויסען געגעבען געוואָרען די וואָרמסער יודען, אַז ס׳איז שוין געקומען די צייט פון „שיבת ציון", אָבער די יודען פון וואָרמס זאָלען האָבען געענטפערט, אַז פאַר זיי איז דאָ, אין וואָרמס, „ירו-שלים"...

במשך פון דער לאַנגער ענוים-צייט פון יודישען ציבור אין וואָרמס, זענען פערלוירען געגאַנגען אַלע יודישע דענקמעלער און אַלטערטימליכקייטען. געבלי-בען איז בלויז דער אַלטער בית-עלמין און די בעריהמ-טע היסטאָרישע רש״י-שוהל.

אויפגעבויט איז געוואָרען די דאָזיגע שוהל אין יאָהר 1034, דורך אַ קינדערלאָז פאָרפאָלק: יעקב בן דוד און זיין פרוי רחל. לכבוד די נדבנים איז פער-פאַסט געוואָרען אַ ספּעציעלע תפילה, וואָס פלעגט גע-זאָגט ווערען יעדען שבת.

די שוהל איז געבויט געוואָרען סטילפול, פאָרשטע-לענדיג מיט זיך אַ קינסטלעריש-אַרכיטעקטאָנישע ווערק.

נאָכ׳ן אָבפלוס פון עטליכע הונדערט יאָהר, אין יאָהר 1213, איז דורך אַ צווייט קינדערלאָז פאָרפאָלק צוגעבויט געוואָרען אַ פרויען-גאַלעריע. זייערע נעמען זענען פעראייביגט געוואָרען אויף אַ שטיין-אויסקרי-צונג: מאיר בן יואל און זיין פרוי יהודית.

וואָרמס, אַלס איינע פון די עלטסטע יודישע קהלות אין דייטשלאַנד, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין „מרכז-רוחני". די גרעסטע ישיבות זענען דאָרט גע-ווען. מארבעי פיוטות העולם האָט מען געצויגען קיין וואָרמס, כדי צו לערנען ביי די דאָרטיגע אנערקענטע תורה-אויטאָריטעטען.

צווישען אַנדערע איז אויך רבי שלמה יצחקי (רש״י) געקומען לערנען תורה אין וואָרמס.

אין וואָרמס האָט רש״י געגרינדעט אַ גרויסע ישיבה אין דער דערמאָהנטער שוהל, וועלכע האָט שוין עק-זיסטירט פיעל יאָהרען פריהער, אָבער דער נאָמען „רש״י-שוהל" שטאַמט דערפון:

צוגלייך מיט דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג אין וואָרמס, האָט אויך די שוהל געטרונקען פון כוס-התרעלה, ווייל אין יענע פינסטערע מיטעלאַלטערליכע

ציימען פלעגט די שוהל דינען בלויז אַלס מקום־תפילה, נאָר אויך אַלס פּערטיידיגונגס־שוץ־מויער. דערט רעמאָנט און איבערבויאונג. ערשט אין יאָהר 1624 איז געוואָרען אדורכגעפיהרט אַ גרינדליכער רע־

אינעווייניגסטער אויסזעהן פון דער רש"י־שוהל



Wygląd wewnętrzny synagogi w Wormacji

צוליעב די אָפטע שחיטות און פערפאָלגונגען, פון וועלכע די שוהל האָט אַזוי געליטען, האָט זיך געפאָ־מאָנט, און אַ גרויסער גביר, ר' דוד אָפּענהיים, האָט צוגעבויט צו דער מערב־וואַנד פון שוהל אַ בית־

המדרש, אָנרופֿענדיג עס אויף רש״יס נאָמען די א. ג. „רש״י-קאַפּעלע״. פֿון דעמאָלס אָן ווערט אָנגערופֿען די שוהל: „רש״י-שוהל״.

שפּעטער האָט מען אָנגעהויבען זאָרגפֿעלטיג צו זאַמלען אַלע אָביעקטען, וואָס האָבען אַ שייכות צו רש״יס לעבען, שאַפֿען און ווירקען, בכדי דאָס צו קאָנצענטרירען אין דער רש״י-שוהל.

און אַט וואָס עס געפֿינט זיך אין דער רש״י-שוהל:

אויף מזרח שטעהט דער ארון-קודש, אין וועלכען ס׳ליגען היסטאָרישע פֿאַרבענדייכע פּרוכת׳ן, ווי אויך אַ ספֿר-תורה, געשריבען דורכ׳ן מהר״ם מראָטענבערג, וועלכער איז געוואָרען פֿער׳משפּט — ווי בעקאַנט — אויף אייביגער תפֿיסה, וואו ער איז אויך נפֿטר געוואָרען.

ווי אַזוי די ספֿר-תורה איז געקומען צו דער רש״י-שוהל — ווערט דערציילט פֿאָלגענדעס:

די רהיין-שיפֿער האָבען אַמאָל געזעהן אַ קעסטעל שווימען אויפֿ׳ן וואַסער. וועלענדיג כאַפּען דאָס קעסטעל, האָט זיך דאָס קעסטעל אַרויסגעגליטשט פֿון זייערע הענד, ביז וואַנען ס׳זענען געקומען יודען און צו זייערע הענד איז דאָס קעסטעל דווקא צוגעשווימען. אויפֿמאַכענדיג דאָס קעסטעל, האָט מען דערין געפֿונען אַ געשריבענע ספֿר-תורה, וועלכע דער מהר״ם מראָטענבערג האָט געשריבען זיצענדיג אין תפֿיסה.

דער כסא של אליהו אין דער רש״י-שוהל אין וואָרמס



Krzesło Eljasza w synagodze Rasiego w Wormacji

Wnętrze synagogi w Wormacji

אינדערמיט פון דער שוהל שטעהט א לאַנגער ברייטער הילצערנער טיש. דער דאָזיגער טיש שטאַמט נאָך פון רש״י׳ס ישיבה, פון ביידע זייטען טיש שטעהען צוויי פאָטעלען, איינער פון זיי איז איינגעמויערט אין וואַנד און טראָגט דעם נאָמען: „רש״י־שטוהל״. (אויף איהם זאָל חש״ו האָבען געזעסען). אין אַ ווינקעל שטעהט אַ געגאָסענע פּראַכט־מנורה. אויך געפינען זיך אין שוהל עטליכע שטענדערס און וואַנדטאָפלען, אויף וועלכע ס׳זענען אויסגעקריצט פערשידענע אויפשריפטען צום אָנדענק פון רש״י׳ן.

איבער׳ן טיש הענגט אַראָב פון סופיט אַן׳אייללאָמפ, אין וועלכער ס׳ברענען צוויי פייערלעך. צום לאָמפ איז צוגעבונדען אַ מצה. מיט׳ן לאָמפ איז פערבונדען אַ זעהר כאַראַקטעריסטישע געשיכטע:

איינמאָל איז אויף וואָרמסער יודען געוואָרפען געוואָרען אַ בלוט־בלבול, אַז זיי האָבען גע׳שחט׳ן אַ קריסטליך קינד, פערנוצענדיג זיין בלוט צו מצות.

ווי דער שטייגער איז געווען, זענען אַרעסטירט געוואָרען די וואָרמסטער רבנים, צוזאַמען מיט די „קציני והשובי העיר״, צווינגענדיג זיי מיט דעם אויסצוגעבען די ריכטיגע מערדער׳ס.

ס׳איז צוגעגרייט געוואָרען אַ שייטער־הויפען, אויף וועלכען רבנים האָבען געזאָלט פערברענט ווערען, אין דער לעצטער מינוט האָבען זיך צוגעשטעלט צוויי

יונגע בחורים, ערקלערענדיג זיך אַלס שולדיגע אין אויספיהרען דעם מאורע. דאַן זענען די רבנים מיט די חשובי-העדה בעפרייט געוואָרען און די צוויי יונגע מערטירער זענען עפענטליך פערברענט געוואָרען. ווען דאָס פייער האָט אַרומגענומען זייערע יונגע גופים, האָבען די פערזאַמעלטע דערזעהען צווישען די געדיכטע פּאָלקענס רויך פון שייטערהויפען, צוויי וויים-קלאָרע טייבעלעך.

אָט דער צייכען האָט אַלעמען איבערצייגט אין דער אונשולדיגקייט פון די צוויי קדושים און די וואָרמסער קהלה האָט בעשלאָסען, אַז ס׳זאָל שטענדיג ברענען צוויי נר-תמיד׳ס אין דער היסטאָרישער רש״י-שוהל צום אָנדענק פון די קדושים.

*
**

און אַזוי איז די שוהל געשטאַנען קרוב טויזענד יאָהר. קיין שום בייזע פערניכטענדע שטורם-ווינטען, וואָס האָבען במשך יאָהרהונדערטער אַזוי פראַנק און פריי געהוליעט איבער דער יודישער בעפעלקערונג, זענען נישט בכח געווען איהר פון אָרט צו רירען, שטעהענדיג מיט איהר מאַיעסטעטישקייט, ווי אַ סימבאָלישער דענקמאָל, פון נצח ישראל, ביז —

ס׳איז געקומען די בעסטיאַליש רוצחישע האַנד, און אין אַ געוויסען פריהמאָרגען געמאַכט אַ סוף צו דער היסטאָריש-סימבאָלישער שוהל.

ד״ר. ג. פרענקעל

אותיות פורחות

נאָכן חורבן בית-המקדש זענען די שוהל און דאָס בית-המדרש געוואָרען די צענטערן פון דעם יודישען גייסטיגען לעבען. דריי מאָל אין טאָג קומט מען זיך אין זיי צונויף. אין יעדער עת צרה האָט מען זיך דאָ געווענדעט צו גאָט. דאָ איז געשמידט געוואָרען די קייט, וואָס האָט צוגעבונדען צוזאַמען אַלע יודען און דאָ איז צעמענטירט געוואָרען די יודישע איינינקייט, שטאַרקייט און אויסדויער-קראַפט איבערצוקומען אַלע צרות, וואָס האָבען זיך פון צייט צו צייט אָנגערוקט אויף די יודישע קעפּ.

די שוהל איז געווען די בעוועגליכע היימאַט פון יודישען פאָלק. זי האָט מיטגעוואַנדערט מיט די יודען אין יעדען אָרט, וואו זיי זענען פערטריבען געוואָרען און האָט זיי געשאַפען אַ היים אין יעדען יודישען גלות-אָרט.

איז אָנגעקומען ערגיץ אַ יודישער קבוץ אין אַני-אָרט, האָט ער דאָס ערשטע אויפגעשטעלט אַ שוהל און דאַן האָט ער געוואוסט, אַז עס איז געלעגט געוואָרען אַ יסוד פאַר אַ יודישען ישוב. מיט דער שוהל האָט דער יודישער קבוץ תופס-מקום געווען אין יעדען נייעם אָרט.

די שוהל איז געווען הייליג נישט נור פאַר יודען, נור אויך פאַר די גויים. זי האָט ערוועקט דעם גרעסטען רעספּעקט ביי זיי. אפילו ווען מען האָט אויסגע-קלערט פערשידענע גזירות אויף די יודען, האָבען זיך טיילמאָל געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען געוואָלט שוי-נען די שוהל.

איז דאָך בעוואוסט, אַז אפילו טיטוס הרשע האָט אויך נישט געוואָלט פערברענען דעם בית-המקדש און נור אָהן זיין וויסען האָט אַ רוימישער זעלנער אַריינגעוואָרפען אין בית-המקדש אַ ברענענדיגע פאַקעל פון וועלכען דאָס בית-המקדש האָט זיך אָנ-געצונדען און פערברענט געוואָרען.

אַזוי איז עס געווען אַמאָל אין די צייטען פון טי-טוס-הרשע, אין די אַלטע באַרבאַרישע צייטען.

היינט אָבער האָט מען אין הארץ פון איראָפּא, אין צענטער פון מערב-איראָפּעאישער קולטור, געברענט שוהלען, נישט נור אַליין האָט מען געברענט שוהלען, נור מען האָט נאָך געניייט יודען, דאָס זיי זאָלען אַליין ברענען און פערניכטען זייערע געבעט-הייזער. אונשולדיגע קינדער האָט מען אַרויסגעשלעפט פון די שטובען און דערשראָקענע און צובראָכענע האָט מען זיי געצווינגען זיך צוצוקוקען ווי מען ברענט די שוהלען און מען לעסטערט דעם יודישען גאָט. אין אַ געוויסע שטעדטעל האָבען זיך די קינדער ביינאַכט אַרויסגע-גנב'עט צום אָרט, וואו עס זענען געלעגען די געשענ-דעטע און פערברענטע ספר-תורה'ס און זיי האָבען זיי מקבר-געווען.

די ווילדקייט האָט אָנגענומען אַזאַ מאָס, דאָס מען האָט אַרויסגענומען ספרי-תורות פון ארון-קודש — ווי עדי-ראיה האָבען מיר איבערגעגעבען — פונאַנ-דערגעשפּרייט זיי אויף דער ערד, אונטערגעצונדען און געמאַכט אַרום זיי אַ פייער-טאַנץ. מען האָט זיך אָנ-גענומען האַנד ביי האַנד, אַקסעל ביי אַקסעל און גע-טאַנצט און געהאָפּשעט אַרום די ברענענדיגע ספרי-תורה'ס.

אָבער דעם גלויבען האָבען זיי פון אונז נישט אויסגעברענט. און עס וועט זיי, די באַרבאַרען, גאָר-נישט העלפען דאָס ברענען די ספרי תורות און נישט די ווילדע טענץ זייערע ביי די פלאַמענדיגע שריפטען. נישט אַש און בלאָטע איז געוואָרען פון די הייליגע געבאָטען פון דער תורה. דאָס פייער האָט אַרויסגע-נומען פון די ברענענדיגע ערטער די געטליכע ווער-טען און זיי פונאַנדערגעטראָגען אין דער וועלט. „גוילין נשרפין אותיות פורחות באויר". די דאָזיגע ברענענדיגע פסוקים פליהען אַרום אין דער לופט, דרינגען אַריין אין מענשליכע הערצער און לאָזט זיי נישט רוהען ביז דאַנען עס וועט זיגען די יודישע גערעכטיגקייט.

וואס טהוט-איִיף „יבנה״?

„יבנה״ — האט אויפגעשטעלט אַ רעליגיעז-נאציאָנאלע שול-נעץ, וועלכע צעהלט 275 שולען, 29.521 יודישע קינדער וערן דערצויגען אין די „יבנה״-שולען אַלס געטרייע זיהן צו זייער תורה, פאָלק און לאַנד.

„יבנה״ — שאַפט און העלפט ישיבות. די „יבנה״-ישיבות טראגן דעם נאמען „ב י ת = ש מ ו א ל״ אויפ׳ן נאמען פון ר׳ שמואל מאָהילעווער זצ״ל. „יבנה״ העלפט און אונטערשטיצט גרויסע מאסן ישיבה-בחורים, אָן אונטערשיד פון ריכטונג אין פארטיי.

„יבנה״ — האט פיעל מיטעל-שולען פראָ-סעמינארן, וואו יודישע יונגעלייט בעקומען אַ העכערע יודישע און וועלטליכע בילדונג און פון וועלכע עס וועלן אַרויס רעליגיעז-נאַציאָנאלע פיהרער פון פאָלק.

„יבנה״ — פיהרט א גרויסע בעשפייזונג-אַקציע אין איהרע שולען, פון וועלכער עס געניסען איבער 5000 קינדער. — אָרדענ׳ז אויך איין זומער-קאלאניעס, אין זארגט פאר אלע באדערפע ישען פין יודישען קינד.

טרעט אריין אין די רייהען פון „יבנה״

שטיצט און העלפט איהר אין איהר גרויסער פאַלקס-אַרבייט!

Opłata pocztowa uiszczona gc

„HAOHELA" Nr. 8 Marzec 1939

Wydawnictwo „HAOHELA"

Adr. Redakcji: Warszawa, Rymarska 6.

Redaktor i wydawca G. Frenkiel

Druk. „BIUROWA" Przechodnia 1

פערברענטע ספר תורה'ס	ישראל שטערן
אונזער שוהל	ד'ר ש. ז. כהנא
דער חשבון איז נאכגישט געענדיגט	הלל צייטלין
דער ליכט-טורעם	הרב יצחק ניסענבוים
ר' חנינא בן תרדיון	ליפא קעסטין
א לאגעל מיט טרעהרען	יהודה יפת
די געשיכטע פון דער שוהל	יצחק אריגור
די דייטשע שוהלען	א. בערמאן
די רש"י-שוהל אין ווארמס	א. י. גליק
די ספרד'ישע שוהל'אין וויען	הרב ד"ר ג. הורוויץ
אותיות פורחות	ד"ר ג. פרענקעל